זעכצענטער יאָהר

№ 33

פּרייז 20 גראָשען. — „CZENSTOCHOWER CAJTUNG".

טשענסטאָכאָווער צייטונג

[illegible]

ערשטע אַלעע 6. — טעלעפאָן 294

[illegible]

CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 294.

Piątek 13 sierpnia 1937 — ליכט-צינדען 6.46 — פרייטאג פ׳ שופטים ו״ אלול תרצ״ז

מיין ענטפער אויף אַ נישט-אמת'ער ערקלערונג.

אין לעצטען נומער „אונזער וועג" ערקלערט דער אַדמיניסטראַטאָר פון הויז אַלעע 48 ה׳ מיכאַל אַלטער, אַז בעת איך בין געקומען צו איהם אינטערווענירען, ער זאָל נישט פערדינגען דאס שכנות'דיגע געוועלב אויף א קאָנקורענץ געשעפט, האט ער מיך בלויז ארויסגעפיהרט פון טויער ביי דער האַנד. איך ערקלער אָבער קאַטעגאָריש, אַז ה׳ אַלטער האט מיך אָנגעכאַפּט ביים האַלז און געשטיקט, דאַן האט ער מיך געשלאָגען, ארויפגעוואָרפען אויף דער וואַנד און מיר געמאכט בלאָהע צייכענס. בעלד האט ער אויך גערופען דעם סטרוזש און געשריגען: „וויזשוטש טעגאָ זשידאַ"... איך בין קוים פון דאָרט מיט'ן לעבען אנטלאָפען.

אַזוי זעהט אויס אין דער אמת די נידערטרעכטיגע האַנדלונג פון „איידעלען ה׳ אַלטער.

איצעק גאָלסטער.

7-קלאַסיגע העברעאישע פּאָווזשעכנע „יבנה"-שולע אין וויעלון.

זונטאג, ד. 15-טען שערפּיען ד. י. ח׳ לחודש אלול

הויבען זיך אָן די למודים אין אַלע קלאַסען.

דער טערמין פון די איינשרייבונגען און עקזאַמענס פון נייע תלמידים איז פערלענגערט ביז זונטאג, ד. 22 ד. ח.

בעמערקונג: די שולע בעזיצט רעגירונגס-רעכט ווי די רעגירונגס פּאָווזשעכנע שולען.

די שול-פערוואַלטונג

CZĘSTOCHOWSKA

FABRYKA MYDŁA

I. M. DZIUBAS i S-ka

ul. Fabryczna 1—3.

עגזיסטירט העכער 60 יאָהר.

אונזער זייף איז אַלעמען בעוואוסט מיט

איהר גוטער קוואַליטעט.

פּרובירט נאָר איין מאָל — בענוצט אונזער זייף

און איהר בלייבט אונזער שטענדיגער קונה.

אונזער מארקע איז דאס „פישעל".

עס ווערען געזוכט פערטרעטער אויף וויעלון און ראַדאָמסק.

SPRAWOZDANIE

Częst. T-wa Wspomagania Biednych Żyd. „Gmilas Chesed" Piłsudskiego 31

Na mocy zezwolenia Starostwa Grodzkiego w Częstochowie na urządzenie kwesty ulicznej z dnia 3 sierpnia r. b. za Lp. 7.37 Zarząd Stow. przeprowadził zbiórkę w wyniku której zebrano w gotówce zł. 122.53 gr.

ZARZĄD

דאַנקזאָגונג.

אַלע זאַמלער און שפּענדער, וועלכע האבען מיטגעווירקט צום ערפאָלג פון אונזער בלימעל-טאג דריקען מיר אויס אונזער האַרציגסטע דאַנק.

די פערוואַלטונג פון „גמילת חסד"

פּילסודסקי 31.

ענטשולדיגונג

פאַר נישט אויספיהרען די בעשלוסען פון 2-טען שנידער-צעך בעט איך ענטשולדיגונג און פערזיכער, אַז אזעלכעס וועט מעהר נישט פאָרקומען.

קלמן באַבראָווסקי.

SZKOŁA TAŃCÓW

baletm. Kosteckiego

w lokalu własnym

ul. Waszyngtona № 6.

przyjmuje zapisy na kursy — lekcje pojedyńczo codziennie.

אכטונג: שבת ד. 14 ד.ח. „עפענונג פון סעזאָן"

פּראַקטישע לעקציע פאַר יודישער געזעלשאַפט.

אָנהויב 8 אָוונט. — ערשטקלאסיגע מוזיק.

אַלע שטענדיגע בעזוכער ווערען איינגעלאדען צו קומען.

FARBIARNIA i PRALNIA CHEMICZNA

„KRYSZTAŁ"

ul. Berka Joselewicza 2.

צום פריהלינג-סעזאָן

מיר נעמען אָן צו וואשען **קראַגענס** מיט לאנג - דויערנדע שפּיגעל-גלאַנץ ווי אויך **העמיש** צו ריינִיגען און צו פאַרבען אַלערלעי קליידונג. גארדינען צו וואשען און צו שפּאַנען.

ספּעציאַליטעט: 1) פאַרבען לעדערנע קורטקעס

2) רעטאַשירען (ארויסנעמען פלעקען אָהן וואשען).

אכטונג: פלעקען ווערען ארויסגענומען אויפ'ן אָרט צו ביליגע פּרייזען.

כל הקודם זוכה!

אין דער **שוהל „אהל יעקב"**

1-טע אַלעע 4

זענען דאָ צו פערדינגען פלעצער פאר פרויען און מענער צו דאַווענען די ימים-נוראים און א גאַנץ יאָהר.

רעפלעקטאַנטען קענען זיך ווענדען פון זונטאג, דעם 15-טען שערפּיען אָן און ווייטער פון 4 ביז 5.30 נאָכמיטאג אין אונזער שוהל.

די פערוואַלטונג.

דאַנקזאָגונג.

דער פרוי סאַראַ יאַקובאָוויטש און ה׳ פישעל שמולעוויטש, וועלכע האבען געזאמעלט אין בלאַכאָווניע די סומע פון 72.90 זל., ווי אויך 10 קילא ברויט אויף דער בר-מצוה ביי ה׳ ארטמאַן לטובת אונזער אינסטיטוציע, דריקט אויס א האַרציגען דאַנק

די פערוואַלטונג פון „טאָז".

Ekonomia — to używanie **mydła**

z marką fabryczną „Savon z wiewiórką"

(zatw. przez Urząd Patent.)

o zawartości tłuszczu 63—66 proc.

z najstarszej częstoch. fabryki mydła

KROMOŁOWSKICH

Częstochowa, Nadrzeczna 4. Tel. 15-13

ŻĄDAĆ WSZĘDZIE.

דערגענצונגס-קורסען ביים האַנדווערקער-פערבאַנד, גאַרנצאַרסקאַ 8—6.

עס ווערט בעקאַנט געמאכט, אַז אַלע בעלי-מלאכות, אָהן אונטערשיד פון פאַך, וועלכע בעשעפטיגען לערן-יונגלעך מוזען זיי פערשרייבען אויף די אָוונט-קורסען.

די איינשרייבונגען הויבען זיך אָן פון 16-טען ביז'ן 30 טען ד. ח. יעדען טאָג פון 5.30 ביז 7 אָוונט אין דער קאַנצעלאַריע פון דער שולע.

בעמערקונג: די לערן-יונגלען, וועלכע בעזוכען שוין די קורסען מוזען זיך אויך איבעררעגיסטרירען.

דאַנקזאָגונג.

מ'ר דאַנקען הערצליך דעם ג׳ קאָמיטעט פון דער זומער-קאָלאָניע פאר דער גוטער צערטליכער בעהאַנדלונג צו אונז קינדער.

בענדקאָווסקאַ, כמורא, סוסאַק, הערשליקאָוויטש, אשפּעצין, זיקלער, קליקער, וואָלקאָוויטש, אבראַמאָוויטש, סטענדעראָוויטש,

Proszek od BÓLU GŁOWY

DLA DOROSŁYCH ZE ZN. FABR.

KOWALSKINA

stosuje się również

ZNAK OCHR.

PRZY PRZEZIĘBIENIU GRYPIE i KATARZE

Z intencji zaślubin

Mag. fil. MARII ZYLBERBERG

z Dr. med. NATANEM BERNSTEINEM

składają serdeczne życzenia

B. BOCIANOWIE.

צו דער חתונה פון אונזער חבר'טע **רעגינאַ נעבענהאַוז** מיט אונזער **הירשל ברענער** ווינשען מיר זיי גליק אויף זייער נייעם לעבענס-וועג

יעקב גאָלדשטיין, שלמה פינגערהוט, יאַדזיאַ וואַרשאַווסקאַ, יהושע שליפּקאַ, יטאַ פּאַרטשיצקאַ, ברוך זילבערגלייט, נתן יאַכימאָוויטש, לייב קליינמאַן, רויזע מאַיאַרטשיק, קאָפּל לעדערמאַן.

ברכותנו הלבביות לחברנו **משה לנצנר** לנשואיו את ב״ל **שרה גרשונוביץ**

יהי רצון שיזכה לבנות ביתו על הרי ציון וירושלים

הועד ותנועת תורה ועבודה.

Z intencji zaręczyn p. MARKA ALTMANA z panną FRANKĄ CYMERMANÓWNĄ składa życzenia

J. Lewkowicz

przedst. f-y Eryk A. Kołłontay, Katowice-Brynów.

7 KL. SZKOŁA POWSZECHNA

z prawami państwowymi

Mag. T. WAJNBERŻANKI, I-a Aleja № 8.

די שול-קאַנצעלאַריע נעמט אָן איינשרייבונגען פון נייע שילער אין אַלע קלאַסען יעדען טאָג פון 8 ביז 12 פאָרמיטאג.

די שול-לייטונג בעט ווי אמפריהסטען צו פערשרייבען די קינדער, אום צו קאנען פיהרען דעם שול-פּראָגראַם פון 1 ווזשעשען אָן. ווי בעוואוסט איז דאס די איינאונאיינציגע רעליגיעזע מוסטער-שולע מיט אַלע רעגירונגס-רעכט אויפ'ן היגען פּלאַץ.

אין דער שולע איז אויך פערהאַן **אַ נאָכמיטאָג-קורס פון העברעאיש, תנ״ך, יודישע היסטאָריע** פאר שילער פון אנדערע שולען.

צו אַלע לערן-יונגלעך!

דערמיט פאָדערן מיר אויף אַלע יוגענדליכע, וועלכע זענען בעשעפטיגט אין האַנדווערקער - ווארשטאטען, אַז זיי זאָלען אין זייער אייגענעם אינטערעס זיך פערשרייבען אויף דער

אָוונט-דערגענצונגס-שולע.

די רעגיסטראַציע קומט פאָר פון 16 ד. ח. יעדען טאָג פון 5.30 ביז 7 אָוונט אין דער האַנדווערקער-שולע, גאַרנצאַרסקאַ 8—6.

פערבאַנד פון די פּראָפ. קלאַסען-פעראיינען אין פּוילען צענטראַל-ראַט אין טשענסטאָכאָוו.

דעם קאָמיטעט מיטגליד **אברהם משה ניעזנאַנאָווסקי** צוליעב'ן טויט פון זיין מוטער

חוה מלכה נ״ע

דריקען מיר אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל.

המקום ינחם אותו בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

די פערוואַלטונג פון „תומכי עניים"

אין טשענסטאכאוו.

KINO „EDEN".

נור אויף איינִיגע טעג — די נייעסטע פּוילישע קאָמעדיע!

Jadzia

אין די הויפּט-ראָלען:

די קעניגין פון פּוילישען עקראַן

יאַדוויגאַ סמאָסאַרסקאַ

טשווּיקלינסקאַ, שעלאָנסקי א. א.

Kino „LUNA"

לאָרעטאַ יונג — ראָבערט טיילאָר

צום ערשטען מאל צוזאמען — דאס אויסגעחלום'טע געליבטע פּאָר אין דער ליבעס עפּאָפּעע

Jej pierwsza miłość

איבער'ן פּראָגראַם:

דער קאַמף פאר פרויען און פאר גאָלד

Robin Hood z El-Dorado

אין דער הויפּט-ראָל: וואַרנער באַקסטער

„אין די היינטיגע צייטען"...

ווען מען עפענט א פוילישע צייטונג אין שניט פון א „גאניעץ טשענסטאכאווסקי" טרעפט מען אויף טריט און שריט א כסדר'דיגע העצע געגען יודען. מען רופט עפענטליך צו באיקאטירען יודישע סחורות און יודישע מלאכה, און נישט בלויז אבסטראקט, נאר מען רופט אן נעמען און פירמעס.

דערביי זענען די גיפט-מישער אזוי ציניש און פרעך, ווי דאס באיקאטירען יודען וואלט געווען א זעלבסטפערשטענדליכע זאך, און מיט צינישער תמימות פרעגען זיי: היתכן? ווי קאן געמאלט זיין, אז א קריסט זאל „אין די היינטיגע צייטען" קויפען ביי א יודען?! דאס איז דאך שרעקליך, דאס איז דאך הימעלשרייענד.

דער נאאיווער פוילישער לעזער, וועלכער אריענטירט זיך נישט, אז די גאנצע אנטי יודישע העצע איז נאר א געוועהר אין די הענד פון א געוויסער פאליטישער גרופע, וועלכע וויל אזוי-ארום קומען צו דער מאכט, גלויבט אין דער דאזיגער גיפט-מישעריי אלס תורת-לאקשען.

און אויב דער לעזער זעהט, אז מען ארגומענטירט דאס אויסמיידען דעם יודען מיט „אין די היינטיגע צייטען", גלויבט ער באמונה שלימה, אז די היינטיגע צייטען זענען אזעלכע, וואס פערוועהרען צו קויפען ביי יודען, אז גאט אליין הייסט פיינד האבען דעם יודען. ווי דען אנדערש, צי קאן דען עמיצען איינפאלען, אז מען פערקריפעלט דעם אויסדרוק, און אנשטאט צו זאגען, אין די היינטיגע צייטען, אין 20-טען יאהרהונדערט, דארפען מענשען לעבען ווי ברידער, אינטערפרעטירט מען דעם אויסדרוק פאלש. מען זייהט האס און שנאה און דאס אלעס אויפ'ן יסוד: „אין די היינטיגע צייטען"...

די רעזולטאטען פון: אין די היינטיגע צייטען" לאזען זיך גוט פיהלען.

וואס טהוען מיר אבער דערצו, וואס פאר א מיטלען ווערען אנגענומען, כדי זיך אקעגענצושטעלען אט דער דאזיגער אלץ וואקסענדער דראהענדער געפאהר? אמת, עס איז געמאלדען געווען אין דער פרעסע, אז עס ווערט אין טשענסטאכאוו געשאפען א ווירטשאפטליכער קאמיטעט, אבער זאל מען זיך זאגען אפען, מיר זענען אזוי פערנומען מיט די פערשידענע טאג-טעגליכע צרות, מיט די הילפס קאמיטעטען, אז ס'איז באמת נישטא קיין צייט עפיס צו טהון וועגען אט דער ברענענדיגער פראגע.

די יודישע געזעלשאפט, אונזערע כלל טהוער דארפען געדענקען, אז אויב מען וועט נישט ארגאניזירען דאס יודישע סוחר'טום און האנדווערקערטום, אז זיי זאלען זיין שטאנדהאפט זיך אקעגענצושטעלען דער מורא'דיגער העצע, וועט געשעהן א גרויסע קאטאסטראפע אין אונזער ווירטשאפטליכען לעבען. מיר וועלען ווערען אראבגעשוואנקען פון דער אויבערפלאך.

זאל מען זיך נישט פערלאזען אויף קיין נסים, וועלכע קאנען נישט געשעהן.

מיר מוזען געדענקען, אז מיר זענען אין דער לאגע פון בעפאלענע, וועלכע מוזען זיך ראטעווען און דעריבער מוזען מיר אנשטרענגען אלע אונזערע כחות, כדי צוריקצושטויסען דעם אנגריף.

מיר מוזען אויך געגען אונזער ווילען אין זינען האבען אט די געווארפענע פראזע פון אונזערע שונאים, וואס רופט זיך: „אין די היינטיגע צייטען". אין א צייט, ווען מען ערלויבט זיך געגען אונז אזא הפקרות'דיגען אויסראטונגס-קאמף, ווען מען ערלויבט זיך אונגעשטערט ארויסצוהענגען פראוואקאטארישע פלאקאטען, „אין די היינטיגע צייטען" ווען אלע מיטלען, וואס זענען נאר געווענדען געגען יודען זענען כשר, מוזען מיר אלס נויט-הילף שטעהען אויף דער וואך פון אונזער לעבען און עקזיסטענץ און אננעמען די רעטונגס-מיטלען, אז דער ים פון שנאה און האס זאל אונז נישט דערטרינקען.

זאלען מיר אויך געדענקען, „אין די היינטיגע צייטען".

ש.

דער לעצטער ציוניסטישער קאנגרעס?

עס קאן זיין, אז דער איצטיגער ציוניסטישער קאנגרעס אין ציריך וועט זיין שוין דער לעצטער ציוניסטישער קאנגרעס.

עס קען זיין, אז דער קומענדיגער נאך איהם קאנגרעס וועט שוין זיין נישט קיין קאנגרעס נאר... די ערעפענונג פונ'ם ערשטען יודישען פארלאמענט אין דער נייער יודישער מלוכה— אין דער קליינער יודישער רעפובליק, וואס וועט זיך אויסבילדען אין פאלעסטינע.

וועט דער ערשטער פאלעסטינער יודישער פארלאמענט זיין אין ירושלים אדער אין תל-אביב?

עס איז שוין א סך מאל מיט רעכט געזאגט געווארען, אז ס'איז שווער זיך פארצושטעלען א יודישע מלוכה אין פאלעסטינע אהן ירושלים, ציוניזם אהן ציון.

קען מען זיך פארשטעלען א יודישען פארלאמענט א"י, וואס זאל נישט טאגען און נישט קענען זיין אין ירושלים?

וואו דען קען זיין דאס ארט פאר א ארץ-ישראל'דיגען פארלאמענט — אין תל אביב?

וועט דער איצטיגער צוואנציגסטער ציוניסטישער קאנגרעס זיין דער לעצטער ציוניסטישער קאנגרעס? וועט זיך מיט די צוויי צעהנדליג ציוניסטישע קאנגרעסען ענדיגען א גרויסע היסטארישע תקופה אין דער יודישער געשיכטע?

וועט דער איצטיגער קאנגרעס זיין דער לעצטער סך הכל פון די ביז איצטיגע ציוניסטישע דערגרייכונגען, דער טרויעריגער, אונפערמיידליכער אפאטעאז פון א נאציאנאלען אידעאל?

און וואס וועט פארקומען נאך דעם צוואנציגסטען קאנגרעס, אויב ער וועט ווירקליך זיין דער לעצטער?

וועט דער ציוניסטישער קאנגרעס אננעהמען די פארגעשלאגענע—מיט געוויסע גרעניץ-מאדיפיקאציעס—יודישע מלוכה און ערקלערען דעם קאנגרעס אלס דעם לעצטען ציוניסטישען קאנגרעס?

צוויי צעהנדליג ציוניסטישע קאנגרעסען—און דעם שאפערס פון די קאנגרעסען חלום איז פערווירקליכט—א יודישע מלוכה. א „יודענשטאאט". אמת, פערווירקליכט נאך פיעל, פיעל טרויעריגער און ארימער ווי חלומות ווערען פערווירקליכט.

א יודישע מלוכה, וואס וועט אין דער אמת'ן אויסזעהן ווי א נאציאנאל-פאליטישע יבנה. די קארגע נישט קאנסטרוקטיווע וועלט טראגט איצט אונטער דעם יודישען פאלק א מין מאנאקא מלוכה.

א שענדליכען „ווערסאיל שלום" געהט איצט שליסען די גרויסע וועלט מיט דעם פאר צוויי טויזענד יאהר בעזיגטען יודישען פאלק?

וועט דער איצטיגער צוואנצינסטער ציוניסטישער קאנגרעס געצוואונגען זיין אנצונעהמען אט דעם ווערסאיל-שלום פון לית ברירה.

און זאגט אייך וואס איהר ווילט (פארוואס נישט חלומ'ען אין אזא אומעטיגער צייט?) עס וואלט דאך געווען אזוי שעהן און פרעהליך ווען א לעצטער ציוניסטישער קאנגרעס קען מיט שטאלץ ערקלערען דעם יודישען פאלק אין דער גאנצער וועלט:

דער גלות איז אויפגעלייזט! דער צוויי טויזענד יעהריגער גלות איז געשטארבען! לעבען זאל די נייע יודישע מלוכה! יודען איהר זענט א פאלק צו פעלקער גלייך!

„יודען צו אייערע געצעלטען" — ווער פון אייך ס'איז נאציאנאל, ווער פון אייך ס'האט ליב דאס לאנד, וועמען פון אייך ס'איז ענג אין אייערע געבורטס-לענדער קען ווערען און איז א בירגער פון דער יודישער מלוכה.

דער גלות איז אויפגעלייזט — מיר האבען א יודישע מלוכה, א יודיש לאנד. די טויערען פון אסימילאציע זענען פונקט אזוי אפען און פריי ווי די טויערען פון דער נייער יודישער מלוכה,

ווייל איינס העלפט דאס צווייטע, ווי ס'איז דער פאל מיט די קינדער פון אלע פעלקער און נאציעס.

קענען מיר זיך פארשטעלען א ציוניסטישען פיהרער א ווייצמאן צי א בן-גוריון — אויף דער טריבונע פונ'ם לעצטען ציוניסטישען קאנגרעס, ווי ער מאכט די פייערליכע ערקלערונג:

יודען. וועלט, מענשהייט, געשיכטע — מיר ערקלערען דעם לאנגען פינסטערען יודישען גלות צו ענדע, אויפגעלייזט.

לשנה הבאה אינ'ם פארלאמענט אין ירושלים!

ניינצעהן ציוניסטישע קאנגרעסען האבען גע'חלומ'ט דעם חלום, היינו כחולמים.

ווי וועט זיין די אויפוואכונג פונ'ם איצטיגען צוואנציגסטען ציוניסטישען קאנגרעס, ווען ער וועט בעהאנדלען און בעטראכטען די שפאטישע קאריקאטור פונ'ם חלום, וואס די ווירקליכקייט דערלאנגט זיי אצינד.

וואס וועט דער קאנגרעס זאגען צום גלות און צו דער נייער יודישער מלוכה?

וועט דער צוואנציגסטער ציוניסטישער קאנגרעס זיין דער לעצטער קאנגרעס, אדער דער ערשטער פון א נייער רייהע קאנגרעסען, וואס וועלען דארפען נאך שווערער ווי ביז איצט קעמפען פאר דער יודישער מלוכה?

ל. —ג.

אונאבהענגיגקייטס - אויסצייכנונגען.

אויסער די צוויי שוין-אויסגערעכענטע טשענסטאכאווער איינוואוינער, וועלכע האבען בעקומען די אונאבהענגיגקייטס-אויסצייכנונג, זענען נאך בעשאנקען געווארען מיט דיזעלבע מעדאלען די היגע איינוואוינער פראנטשישעק וואגנער און פיאטר וואצאווסקי, ביידע געהערען צו דער ארגאניזאציע פ.א.וו.

א שמועס מיט די לעזער

שוין א לענגערע צייט פלאנטערט זיך מיר אין מח דער געדאנק צו כאפען א שמועס מיט די לעזער, צו רעדען צו זיי פה אל פה, אזוי ווי עס שמועסען זיך אויס פשוט'ע מענשען, אהן אינטע־שיסעלעך, אהן דיפלאמאטישע דריידערלעך, פשוט כפשוטו.

איך האב געפיהלט דערצו א נויטווענדיגקייט צוליעב כמה וכמה טעמים, און איצט וועל איך מיר דערלויבען אויסצונוצען דעם פלאץ און זיך אדורכרעדען מיט די לעזער, אפשר וועט מיר גרינגער ווערען אויפ'ן הארצען.

אין רעדאקציעס ביי לייטען טהוט מען כל'ערליי תחבולות, כדי צו דערגרייכען א נעהנטערען קאנטאקט מיט די לעזער. מען פיהרט דורך אנקעטעס, פלעביסציטען א. ד. גל. עס איז צווישען שרייבער און לעזער פערהאן א צו ווייטע דיסטאנץ; נישט דער שרייבער קאן דירעקט דעם לעזער און נאך ווינציגער קאן דער לעזער דעם שרייבער. די דאזיגע איינשטעלונג האט א סך חסרונות, אבער אויך נישט ווינציגער מעלות, און אפשר טאקי מעהר מעלות, ווי חסרונות, ווייל גאר פשוט—נאהנטקייט שאפט נישט אלעמאל קיין ליבשאפט, ווייטקייט דאגעגען ברענגט אפט דרך ארץ.

מיר דא אין טשענסטאכאוו קענען זיך נישט קלאגען אויף מאנגעל אין קאנטאקט און נאהנטקייט מיט די לעזער.

דער לעזער קען נישט נאר דעם שרייבער אונזערען, נאר אפילו דעם זעצער; ער ווייסט וואס עס טהוט זיך אין יעדען ווינקעל פון רעדאקציע.

זאל מען זיך זאגען אפען: ווער אין גאנץ טשענסטאכאוו, סיי די, וועלכע לייענען אדער אבאנירען די „טשענסטאכאווער צייטונג" אדער אפילו די, וועלכע כאפען נאר אמאל א קוק אריין אין יענעמס צייטונג, ווייסען נישט ווער עס איז דער שרייבער, זאל מען זאגען, פון „וואס געהערט, וואס געזעהן" אדער פון די קליינע פעליעטאנען, „קלייניגקייטען" א. א. וו. אט — טראכט דאך יעדער — רעד איך מיט איהם טאג טעגליך, איך בין דאך זאגאר מיט איהם אויף „דו", און קאנען קאן איך דאך איהם פון קינדהייט אן — מיר האבען דאך געוואוינט אויף איין גאס, נו, בכן, דעריבער, הייסט דאס, אז אט דער שרייבער, דער גאנצער מאכער פון דער צייטונג, וועט דאך נישט חס ושלום שרייבען אויף מיר, זיין חבר, זיין פריינד און פוזשיאטשעל וועגען די עולות, וואס איך טהו אב אין געזעלשאפטליכען לעבען. און טאמער וויל אט דער שרייבער, אט א דער, נו, מיט וועלכען איך קען זיך פערזענליך און וועלכער איז דערצו א נת-לבריות, טאדלען מיינע געמיינהייטען, מוז מען זיך מיט איהם אברעכענען, אדער ברוגז ווערען מיט איהם אדער איהם אנזידלען און אפשר געבען א פאטש אויך.

טא זייט וויסען, רבותי, אז אונזער צייטונג איז קודם כל א טשענסטאכאווער צייטונג, און אלץ, וואס געשעהט אין שטאדט, דארף בעקומען און בעקומט ווי-ווייט נאר מעגליך אנ'אבשפיגלונג און בעלויכטונג אויף איהרע שפאלטען. דאס איז טאקי פאר מיר אנ'אומגליק און אט פארוואס:

איך קען א יוד, אויך איהר קענט איהם, וואס האט ליעב, אז מען זאל רעדען וועגען איהם. ער איז א כלל-טהוער, ער איז אויך אין דער קהלה, געווען א זיצער אין סקארב און א כל ולך אין א רייהע ווירטשאפטליכע און פילאנטראפישע אינסטיטוציעס. דערזעלבער מאכט דעם אנשטעל, אז ער נארט חלילה נישט נאך קיין כבוד, ער טהוט עס דערפאר, ווייל זיין פליכט פאדערט עס פון איהם, ער איז א טוב לכול. ווער עס קומט צו איהם וועגען א טובה זאגט ער צו. פאקטיש אבער זענען שוין א סך אבגענארט געווארען, פערלאזענדיג זיך אויף איהם.

דערזעלבער קומט נישט, אז מען זאל שרייבען וועגען איהם. חס ושלום, ער דארף עס נישט, ער שטעהט נישט דערנאך, נאר ווען ער רעדט מיט'ן שרייבער פון דער צייטונג דערצעהלט ער אזעלכע מעשה'לעך, אז דו פיהלסט בחוש, דאס ער גיט דיר אנצוגעהערען, אז דו זאלסט שרייבען וועגען זיין כלל-טהוערי.

נו, זיי דאמאלס א בריה און שרייב וועגען ד מועלבען, אז זיין כלל-טהוערי טויג אויף כפרות, אז ווען ער וואלט ווייניגער טובות געטהון דער ארימער מענשהייט, וואלטען זיי בעסער אויסגעשפילט?

א צווייטער פאקט:

אין דער ערשטער אלעע, אויף דער זייט פון די אום נומערען, האט א יוד מיט א הדרת'דיגער בארד א הויז. אויסערליך מאכט דער יוד דעם איינדרוק פון א פיינעם זיידענעם מענשען, א בעל צדקה, און פאקטיש ווארפט ער ארויס פון צייט צו צייט א נדבה'לע, אזוי אז עס זאל קיינער נישט וויסען (אויסער דער שרייבער פון דער צייטונג...). ווען עס קומט אבער צו זיינע לאקאטארען, איז ער אונברחמנות'דיג, ער רודפט זיי עד חרמה, אנגאזשירט דעם ערגסטען אדמיניסטראטאר און זאגט איהם אן (דער בעל הבית אליין איז שוין צו אלט, אז ער זאל זיך מיט אלע אנ'עצה געבען...), אז ער זאל די חוצפה'דיגע לאקאטארען, די קבצנים לערנען דרך ארץ. נו, אדרבה, פרובירט צו שרייבען אויף אזא יודען א שלעכט ווארט, יענער וועט דאך אויסשטעלען די גרויסע לאנגע בארד און וועט זאגען, אז דער שרייבער איז משוגע געווארען, ווארום איך רעד דאך מיט איהם שטענדיג אזוי פריינדליך און זאג א גוט מארגען...

די גאנצע שטאדט ווייס וועגען די מעשים תעתועים פון דעם בעוואוסטען אדמיניסטראטאר, וועלכער איז באמת א תלין פאר די לאקאטארען. קומט מען אין רעדאקציע דערצעהלען איינמאל וועגען איהם, א צווייט מאל און א צעהנט מאל און מען שרייבט נישט. ער איז דאך עפיס א היימישער, אנ'אלטער חבר, נו, געה און שרייב וועגען איהם... און ווען דאס מעסטיל איבערגעהט שוין, ער טהוט אב אזא שווינעריי, וואס מאר נישט פערשוויגען ווערען, נעמט מען און מען גיט איהם א פארציע. ווערט יענער אויפגעקאכט, היתכן? ווער האט דאס געשריבען וועגען מיר? אט א דער אלטער חבר מ'ינער איז נישט געקומען פריהער צו מיר פרעגען און במילא וואלט ער דאך שוין נישט געשריבען, ווארום עס איז דאך א בעוואוסטע זאך, אז ווען מען קומט צו דעם שולדיגען איז ער דאך שטענדיג גערעכט... איז אויב ער האט יא געשריבען, דארף מען זיך אין איהם נוקם זיין, מען דארף אויף איהם ווארטען אין דער פינסטער און איהם אנפאטשען די מארדעס; שפעטער נאך אנשרייבען אין א „צייטונג" א העסליכען פאמפלעט מיט חלשות'דיגע זידלערייען, און דאס אלץ דערפאר, ווייל דער שרייבער איז דאך א היימישער, א נאש בראש.

אנ'אייגענטימער פון א גרויס מאנופאקטור-געשעפט אין דער ערשטער אלעע האט ערקלערט, ווען מען איז געקומען צו איהם פון הילפס-קאמיטעט, אז ער איז נישט דער אייגענטימער. און ווען מ'קען האט שוין נאך עטליכע מאל קריכען דאך „געטראפען" דעם אייגענטימער, האט ער ערשט אויפסנייע ערקלערט, אז לעולם איז ער נישט דער אייגענטימער, ווייל דער ריכטיגער אייגענטימער איז גאר אין ביאלסק, נאר אזוי ווי ער פערטרעט דעם אייגענטימער, האט ער דעם כבוד צו ערקלערען, אז ער וועט אויף צוועק... נישט געבען.

נו, וואלט מען דאך געדארפט וועגען דעם שרייבען, נאר — ווידער די זעלבע מעשה, געה שרייב אויף אזא בכבודיגע פירמע עפיס שלעכטס, אז יענע קענען מיך און גייסען מיין נאמען...

אז אלע, די גאנצע שטאדט זענען דאך היימישע מענשען, דער שרייבער א היימישער, טא ווי אזוי נעמט מען און מען שרייבט זאכען, פאסירונגען פון מענשען, מיט וועלכע מען בעגעגענט זיך עטליכע מאל אין טאג אין גאס — דאס וויל קיינער נישט וויסען.

די זעלבע, וועלכע נעמען פרייטאג די „טשענסטאכאווער צייטונג" און ווילען וויסען וועגען אלע נייעסען, וואס פאסירען אין שטאדט, קוועלען אז ווען זיי פאקען עפעס א שעהן אינטערעסאנט מעשה'לע, עס טהוט זיי א הנאה, ווען זיי זעהען, אז מען קריטיקירט דאס שלעכטע און מען לויבט דאס גוטע. אבער דאס אלעס זאל זיך בעציהען צו יענעם, אבער חס ושלום קיינמאל נישט צו זייערע אייגענע מעשים. איידער-זאגען זיי—מען זאל שרייבען וועגען זייערע מעשים, זאל מען בעסער שוין שרייבען וועגען די פאסירונגען, וואס געשעהן אין האנאלולו, אבער נישט וואס עס געשעהט אין טשענסטאכאוו.

היות אבער מיר בעטראכטען זיך אין דער ערשטער רייהע אלס א טשענסטאכאווער צייטונג, וועלען די אלע היימישע און די וואס „וואוינען מיט אונז אויף איין גאס" נישט האבען פעראיבעל, אויב מיר וועלען זיי אין אזעלכע בקשות נישט קאנען אנטקעגען קומען.

וואס אין טשענסטאכאוו זאל נישט פאסירען און וואס פאר אנ'עולות עס זאלען נישט געשעהן, וועט אלעס בעקומען אנ'אבקלאנג אויף די שפאלטען פון דער „טשענסטאכאווער צייטונג". מעגען זיך אפילו טרעפען אזעלכע וואוילע יונגען, ווי אונזער בעריהמטער אדמיניסטראטאר, און מעג אפילו די „יושר'דיגע" צייטונג מיטהעלפען צו דער דאזיגער געמיינהייט, מיר וועלען אונזער אויפגאבע ערפולען אזוי ווי ביז יעצט.

כ'ווייס, אז די דאזיגע ווערטער וועלען נישט געפעלען א טייל פון די לעזער, איך בין אבער זיכער, אז דאס רוב לעזער פון דער „טשענסטאכאווער צייטונג" וועלען בעשטימט מיט אונז מסכים זיין און דאס וועט זיין דער לוין פאר דעם, וואס א פראווינצער צייטונג ליידט דאמאלס, ווען זי איז נושא פנים, ווען זי בעהאלט נישט דעם אמת, וועלכער מוז ארויסגעזאגט ווערען.

סמאל

ווערט די וועלט ציוניסטיש?

פון לעאָ קעניג

די היסטאָרישע דעבאַטע אין ענגלישען פאַרלאַמענט — און אין לאָרדען-הויז — וועגען דעם בעריכט פון דער „קעניגליכער קאָמיסיע" האט די אויבענגעשטעלטע וויכטיגע פראַגע נישט פערענטפערט: די וועלט — די גרויסע נישט-יודישע געזעלשאַפטליכע מיינונג— ווייסט נאָך נישט דעם גרויסען און טיפען וועלט-זין פונ'ם ציוניסטישען אידעאַל. לייענענדיג און הערענדיג די אַלע רעדעס אין ביידע ענגלישע געזעצגעבערישע הייזער, האט זיך בעמערקט, אַז אזא מטושטשע אהנונג פון דעם גרויסען וועלט-פּראָבלעם, וואס ווערט אָנגערופען „די לעזונג פון דער יודען-פראַגע" וועקט זיך יאָ.

אָבער דער חזיון איז געווען פערטונקעלט ווי די זון אין אַן'ענגלישען פאַגע טאָג.

אין אַלע כמעט רעדעס וועגען דער צוטיילונגס-פראַגע האט זיך געפיהלט אַ בעוואָרנונג, עפּיס ווערט געזאָגט מיט א האלב מויל, און אַז א גרויסע אַרבייט הויבט אָן פערווירקליכט ווערען אַזוי שליאָבעריג, פערברעכעריש קליין, אַזוי אז די גרויסע אַרבייט קען פערוואַנדעלט ווערען אין אַן'אומגליק, אין א שרעקליכער ברכה לבטלה.

די גרויסע וועלט איז נאָך בלויז אַמוזירט פון דער געפּלאַנטער „יודישער מלוכה", אמוזירט און אינטריגירט.

אָבער דאָס קלאָרע בעוואוסטזיין, וואס אַ ריזיגע בעדייטונג אין דער יודישער געשיכטע און אין דער וועלט-געשיכטע קאָן ווערען אָט די יודישע מלוכה — האָט זיך נישט ארויסגעוויזען.

עס האט זיך קוים בעמערקט אַ געפיהל פון שולד ביי אייניגע פון די רעדנער: זעהט, מיר געהען אַ גרויסע היסטאָריש רעוואָלוציאָנערע אַקציע צובייטען אויף קליינגעלד, אויף רעאַל-פּאָליטישע גראָשענס.

מען האט אַזוי נעבעלהאַפט גערעדט וועגען די רדיפות אויף יודען — היסטאָרישע און געגענוואַרטיגע — אָבער אַז ענגלאַנד און די גאַנצע וועלט שטעהען פאַר אַן'אַקט, וועלכער קאָן ווערען נאָך מעהר פאַטאַל און אומגליקליך ווי דער ווערסאַליער שלום — אָט דאָס קלאָרע בעוואוסטזיין האט געדאַרפט זיין, אָבער עס האט געפעהלט.

דאָ (און ביידע זענען ליידער רעאַליסטישער, ווי א סך רעאַלע סאָציאַלע כחות), וואס ווערט אָנגערופען יודען-פראַגע. אָדער אויך איצט, אין דעם ענטשיידונגס-מאָמענט וועט מען האַנדלען וואַקעלדיג, נישט אהער און נישט אַהין פונקט ווי מען האט געהאַנדעלט מיט'ן פעלקער-בונד און מיט'ן ווערסאַליער שלום און ס'וועט געשאַפען ווערען אַ „יודישע מלוכה" כביכול, וואס וועט ברענגען נאָר נאָך נייע צרות און אומליקע אויף יודען אין דער גאַנצער וועלט.

דער ענגלישער פאַרלאַמענט האָט נישט אָנגענומען און נישט אָבגעוואָרפען דעם בעריכט פון דער קעניגליכער קאָמיסיע און איהר צוטיילונגס פּלאַן. דער ענגלישער פאַרלאַמענט וויל, הייסט עס פריהער וויסען וואָס דער פעלקער-בונד און די מאַנדאַטען-קאָמיסיע וועלען זאָגען וועגען דעם פּלאַן.

ווי די גרויסע ענגלישע געזעצגעבערישע הייזער — און זיי זענען אין דעם פּרט מאַסגעבענד פאַר דער גאַנצער אַלוועלטליכער געזעלשאַפטליכער מיינונג — וואָלט מורא געהאַט, נישט זיכער געווען צי זיי קענען נעמען אויף זיך די פעראַנטוואָרטליכקייט פאַר א גרויסען היסטאָרישען אקט, וועלכער קען אין דער צוקונפט פעררעכענט ווערען אַלס א גרויסע היסטאָרישע פערזעהעניש.

די געשיכטע האט א סך מאָל מפיל געווען מיט אידעאַלען, אַרויסגעוואָרפען צו פריה געבוירענע נישט אויסגעטראָגענע אידעאַלען.

דער ענגלישער פאַרלאַמענט האט, ווייזט אויס, איצט, האַלב-אינסטינקטיוו מורא געהאַט דערפאַר, נישט געוואָלט צושטימען צו א צוטיילטער ארץ-ישראל און צו א פריהצייטיג געבוירענער יודישער מלוכה.

און איצט איז די פראַגע: וואס וועט דער פעלקער-בונד זאָגען צו דעם בעריכט און צו דעם צוטיילונגס-פּלאַן פון דער קאָמיסיע?

דער זעלביגער פעלקער-בונד, וועלכער איז איצט אַליין אזוי בעליידיגט און פערשוועכט — דער פעלקער בונד, וואס איז אַליין געבוירען געוואָרען האַלב-לעבעדיג און איז עד-היום דער טראַנישסטער עדות ווי ווייט נישט קאָנסטרוקטיוו און פחדנות'דיג עס איז אונזער געזעלשאַפט.

וואָס זשע וועט זאָגען איין גרויסער פערשוועכטער אידעאַל צו נאָך אַן'אידעאַל וואס בעהט איצט אויך פערשוועכט ווערען?

וואס וועט זאָגען דער קראַנקער, בעליידיגטער און צוקריפעלטער פעלקער בונד צו זיין נייעם און עת לצרה— צו דער קליינינקער פיצינקער יודישער מלוכה, וואס מען טראָגט איהם איצט אונטער?!

ענגלאַנד און די וועלט שטעהען איצט אויפ'ן שייד-וועג אין בעצוג צו ארץ-ישראל, צו דער יודען פראַגע.

וועלען זיי וואַגען צו האַנדלען קאָנסטרוקטיוו רעוואָלוציאָנער און איינמאָל פאַר אַלע מאָל בעשליסען, אז דאס לאַנד פון ישראל מוז סוף כל סוף געהערען צום פאָלק ישראל. אויב זיי וועלען אויף אַן'אכת זיך בעפרייען פון דעם געשפּענסט אָדער פון דער לעגענ-

אין דער קינדער-מלוכה

אויף די האַלב- און גאַנץ-קאָלאָניעס פון „טאָז"

קלאָבוצק

דאס דאָזיגע שטעדטיל, קאָן מען זאָגען, איז די צענטראַלע פון די ענדעקעס פון טשענסטאָכאָווער פּאָוויאַט. דאָרט האבען זיך אָנגעהויבען די ערשטע אונרוהען און פון דאָרט האט מען ארויסגעשיקט אינסטרוקטאָרען אויף דער גאַנצער אַרומיגער געגענד, כדי אויפצוקלערען די נאַאיווע פויערים וועגען דער יודען-געפאַהר און בעת מעשה זיך אויך לאָזען וואוילגעהן.

די יודען אין קלאָבוצק זענען לעצטענס אַדורכגעגאַנגען דאס קאַלטע און וואַרימע. פערלוירען די פּרנסות, און ווען דער „טאָז" האט בעשלאָסען דאָרט איינצואָרדנען א האַלב-קאָלאָניע, האט ביי א סך עלטערן, וועלכע האָבען נישט געקאָנט צוקוקען דעם צער פון זייערע הונגעריגע קינדער, ארויסגערופען אַ טרער פון פרייד, האבען זיך טאַקי די ערשטע צייט די קלאָבוצקער יודען געוואָרפען מיט איפּעט צו דער שאַפונג פון דער האַלב-קאָלאָניע, טראַכטענדיג אפשר וועט מען קאָנען דערביי אַליין אויך אָבלעקען א ביינדעל... ווען זיי האבען זיך אָבער דערוואוסט, אז די האַלב קאָלאָניע איז אויסשליסליך פאַר קינדער, און אז דער גענעראַל-דירעקטאָר ה' ראַזינער און זיין געהילף ברענער זענען אַזעלכע יודען, וועלכע מען קאָן נישט נעמען אין חדר אַריין, האבען זיי זיך שנעל אָבגעריקט און איבערגעלאָזט די אַרבייט פאַר די פונקציאָנערען פון טשענסטאָכאָוו, אַזוי אז דער געשאַפענער קאָמיטעט פון די קלאָבוצקער אייגנוואוינער אינטערעסירט זיך נישט איינגאַנצען מיט דער האַלב-קאָלאָניע.

אין קלאָבוצק געפינט זיך אויף דער האַלב קאָלאָניע 140 קינדער און זאָל מען דאָ זאָגען דעם אמת, אז קלאָבוצק האט נישט קיין מזל—אי די קאָלאָניע געפונט זיך נישט אויף קיין גוטען פּלאַץ, אי די קינדער זענען נישט קיין גוטער עלעמענט פאַר אַזאַ קאָלאָניע, אַזוי אז פון אַלע האַלב-קאָלאָניעס, וועלכע מיר איז אויסגעקומען צו בעזוכען, איז די קלאָבוצקער די שוואַכסטע און די צו אַמוועניגסטענס איינגעגעבענע. די קינדער מוזען זיך דאָרט געפונען אויף א שמאָלען הויף, און טאָמער שפּאַצירען זיי נאָר ארויס אויף דער ספּעציעל געדונגענער לאָנקע, ווערען זיי בעוואָרפען מיט שטיינער פון די קריסטליכע יונגלעך.

די לעהרערין גוטערמאַן האט נישט קיין גרינג שטיקעל אַרבייט, כדי אויסצוהאַלטען דאָרט די בעשטימטע 4 וואָכען, די צייט, וואס די קאָלאָניע דאַרף עגזיסטירען.

דערפאַר האט שוין א בעסער מזל

קזשעפּיץ,

וואס האט אויף דער קאָלאָניע 160 קינדער, וועלכע געניסען אין די גאַנצע הונדערט פּראָצענט פון דער האַלב-קאָלאָניע.

מ'קען דרייסט זאָגען, אז די קזשעפּיצער האַלב קאָלאָניע געהער צו די בעסטע, אויב טאַקי נישט די בעסטע פון אַלע האַלב קאָלאָניעס.

דער געשאַפענער קאָמיטעט, וועלכער בעשטעהט פון פאָלגענדען צוזאַמענשטעל: אשר פרענק (פּאָרזיצער), אברהם שיליט (וויצע פּאָרזיצער), דאַן די מיטגלידער: שמעון ווראַצלאַווסקי, פנחס לאַכמאַן, מענדיל לייב ראַטבאָרד, חיים זשולטאַק, בעריל אַבראַמאָוויטש, העניך פּיק, איצעק כלאַפּאַק, משה כאַסקלעוויטש, אלקע רייך, ליפּמאַן ווייספעלנער. דאַן דער מיידעל-קאָמיטעט, אין וועלכען ס'געהען אַריין פּעסע רוסאַק, אסתר גראַנדאַפּעל, ברײנדל סקאָוראָנעק א. אנד. ארבייט זעהר אינטענסיוו, זיי האבען בעשטימט דיזשורען און יעדער ערפּולט זיין פליכט אויפ'ן בעסטען אופן.

די קינדער געפינען זיך אין א גרויסען גאָרטען און זענען פרעהליך און לעבעדיג, זינגען, טאַנצען און שפּילען זיך. בעת אונזער אָנקומען האבען די קינדער אונז מכבד געווען מיט יודישע פאָלקס-לידלעך און מיט אנדערע פערוויילונגען.

אויף דער דריטער וואָך פון דער האַלב-קאָלאָניע האבען די קינדער אויסגעזעהען גאַנץ אנדערש, ווי דאַמאָלס, ווען זיי זענען אַהין אָנגעקומען די קינדער, כאָטש אָרימע, פערמאָגען א געוויסע אינטעליגענץ און עס איז א מחיה צו פערברענגען מיט זיי צוזאַמען.

גרויס פערדינסט האט דערביי די לעהרערין וויינרייך, וועלכע האט אויף די קינדער א גוטע ווירקונג מיט איהר פּעדאַגאָגישע פעהיגקייטען און לייסטונגען.

כאַראַקטעריסטיש איז, אז די האַלב-קאָלאָניע געפינט זיך אין דער קריסטליכער געגענד אין א קריסטליכען גאָרטען און גונדעסטוועגען האט די גאַנצע צייט נישט געטראָפען, אז מען זאָל א קינד פערטשעפּען. דעם ערשטען טאָג איז עפּעס יאָ געווען א קליינער אינצידענט, נאָר באַלד האט דער אייגענטימער פון גאָרטען געגעבען אָנצוגעהערען, אז טאָמער וועט מען טשעפּען א יודיש קינד, וועט מען מיט איהם האבען צו טהון. איז טאַקי באַלד שטיל געוואָרען און אַזוי איז ביז'ן היינטיגען טאָג.

פיהלען זיך טאַקי די קזשעפּיצער אָרימע יודישע קינדער זאַט, פרעהליך און צופרידען.

בלאַכאָווניע

וועגען די קאָלאָניעס פון „טאָז" אין בלאַכאָווניע איז נישטאָ א סך צו ברייען, עס וועט זיין גענוג צו זאָגען, אז אויב דער „טאָז" האט אין בלאַכאָווניע איינגעאָרדענט 2 קאָלאָניעס פאַר 350 קינדער, איז דאס נאָר פאַר א קליינעם טייל קינדער, וועלכע נויטיגען זיך דערין. וואס קאָן אָבער דער „טאָז" טהון, אז דאס איז איבער זיינע כחות.

מיט דער קאָלאָניע פיהרט אָן די רוטינירטע לעהרערין רעגינא וואזשעכא, און די קינדער געניסען דורך די דריי וואָכען פון 4 מאָל אין טאָג עסען. געזינדען וואַלד לופט און פון שפּילערייען.

כאָטש צווישען אונז זאָל עס בלייבען וואָלט געווען כדאי אויפמערקזאַם צו מאַכען, אז ס'וואָלט נישט געשאַדט, ווען די קינדער וואָלטען אין בלאַכאָווניע געהאט מעהר בעקוועמליכקייטען.

די שליסונג פון דער ערשטער קאָלאָניע, וועלכע איז פאָרגעקומען פערגאַנגענעם שבת, איז געווען פייערליך, מיט א פאָרשטעלונג, געזאַנגען, דעקלאַמאַציעס און טענץ.

אויך האט זיך זעהר איינגעגעבען די האַלב און גאַנצע קאָלאָניע אין

טרוסקאָלאַס

וואו ס'געפינען זיך קינדער פון דריי מקומות, דהיינו, פון פּושיסטאָין 19 קינדער, פאַנקי 10 קינדער און פון טרוסקאָלאַס 55 קינדער—סך הכול 85 קינדער. ס'פערשטעהט זיך, אז די קינדער פון פּושיסטאָין און פאַנקי האַלטען אָב הלכות גאַנץ קאָלאָניע.

די דריי מקומות זענען לעצטענס שטאַרק פעראָרימט געוואָרען און די קינדער זענען געקומען אויף דער קאָלאָניע אויסגעהונגערטע, אַזוי אז אין די ערשטע צייטען האט מען זיי נישט געקאָנט אָנזעטיגען, איצט האבען זיי שוין גענוג.

די דאָזיגע קינדער פון די דריי דערפער זענען גענוג אינטעליגענט און זיי פיוהרען זיך אויך לייטיש, דיסציפּלינירט און עס געפונען זיך צווישען זיי זאָגאַר זעהר פעהיגע.

כאַראַקטעריסטיש איז דער פאַקט, אז יעדע גרופּע קינדער, וועלכע קומען פון דעמזעלבען דאָרף, האַלטען זיך די גאַנצע צייט צוזאַמען, אַזוי אז ביים טיש זיצען די טרוסקאָלאַס'ער בעזונדער, די פּושיסטאָינער בעזונדער און די פון פאַנקי בעזונדער, און וויפיעל מען האט זיך נישט בעמיהט זיי צונויפצומישען, האט עס אַלץ נישט געהאָלפען.

די קינדער אין טרוסקאָלאַס זענען פרעהליכע און לוסטיגע און דורך דער קורצער צייט, וואס זיי געפינען זיך אויף דער קאָלאָניע, זענען זיי ווי איבערגעאַנדערשט געוואָרען.

עס איז גאָרנישט בעקיועם פאַר די טרוסקאָלאַסער יודען דאס, וואס עס שפּילען זיך צוזאַמען יונגלעך מיט מיידלעך, נאָר גאָרנישט. די מצוה פון דער קאָלאָניע—זאָגען די טרוסקאָלאַסער יודען—איז אַזוי גרויס, אז מען מוז איבערקוקען פון דער דאָזיגער עבירה קלה; דערפאַר אָבער ביים עסען זיצען די יונגלעך בעזונדער און די מיידלעך בעזונדער.

מיט דער קאָלאָניע פיהרט אָן דער לייטער סעגאַל און די לעהרערין פרימא גליקסמאַן. אויך דער געשאַפענער קאָ-

וואָס געהערט, וואָס געזעהן.

אז מען האט קיין מזל נישט...

זינט די גמילת חסד קאַסע אויף פּילסודסקי 31 עקזיסטירט און דאס א קיימאַ לן פון א יאָהר 15, האט זי נאָך קיין אָבצייכען פערקויף נישט איינגעאָרדענט. און טאָמער האט מען אמאָל אויף א מיטגלידער פערזאַמלונג גערעדט וועגען דעם, אַז כדי צו פערשטאַרקען די הכנסות, זאָל מען אַזוי ווי אַלע אינסטיטוציעס טהוען — אויך איינאָרדנען אַן'אָבצייכען פערקויף, האט די פערוואַלטונג שטענדיג שטאַרק פּראָטעסטירט: ניין, ניין און ניין. זאָלען אַלע טהוען, וואָס זיי ווילען, מיר, אונזער גמילת חסד קאַסע, וועט זיך נישט פערנעמען מיט קיין אָבצייכנונגען, ווען אפילו מיר זאָלען וויסען חס ושלום, אז...

אַזוי איז דאס טאַקי געווען די גאַנצע צייט פון דער עגזיסטענץ פון דער אויבענדערמאַטער גמילת חסדים-קאַסע, עד, ביז ס'איז געקומען דאס יאָהר 1937 און די פערוואַלטונג האט זיך געמוזט בויגען פאַר'ן ווילען פון די מאַסען און מוותר געווען אויף איהר פּרינציפּ און איינגעאָרדענט א צייכען-פערקויף.

אין די הימלען אָבער, ווי ס'ווייזט אויס, האט מען נישט מסכים געווען דערויף, ווייל באַלד אינדערפריה, ווינאָר ס'האט זיך בעוויזען דאס ערשטע קעסטיל אין גאַס, האט זיך אָנגעהויבען א גאַס רעגען, וועלכער האט נישט אויפגעהערט כמעט א גאַנצען טאָג. איז דען דאס נישט אַ נעניגענדער בעווייז, אז אויבען האט מען נישט מסכים געווען מיט ברעכען דעם מנהג פון פערקויפען אָבצייכנונגען?...

אמת, אז טראָץ דעם, וואס דער רעגען האט געכליאַפּעט, האט מען דעם אָנגעהויבענעם אָבצייכען-טאָג נישט איבערגעריסען, געשטערט האט עס אָבער שוין, כאָטש די איניציאַטאָרען בעריהמען זיך, אז טראָץ אַלעם האָבען זיי געהאט א הכנסה פון הונדערט און צוואַנציג זלאָטעס. נו, מילא, דאס איז עפּ'ס אַנדערש, זאָל עס זיי וואויל בעקומען. א פאַקט איז אָבער, וואָס דאַרף פעסטגעשטעלט ווערען, אַז די גמילת חסד קאַסע, פּילסודסקי 31, האט צו אָבצייכען טעג נישט קיין מזל.

אויב זי האט בדעה איינצואָרדנען נאָך גאַסען-זאַמלונגען, דאַרף זי זיך וועגען דעם פערטראַכטען, כ'מיין וועגען דעם, צי מען דאַרף קעמפען געגען שטראָם, ווארום איהר זעהט דאָך, אַז איהר האט צו אַזעלכע אימפּרעזעס נישט קיין מזל...

איין מעשה פון אַ סך, וואס טרעפען בכל יום...

עס איז שבת נאָכמיטאָג, די פרויען פון גאַרנצאַרסקאַ, נאַדזשעטשנאַ, בערקאַ יאָסעלעוויטשאַ און פון די אַנדערע גאַסען, געהען אביסעל אַרויס אין גאַס שפּאַצירען. אמאָל, פערצייטענס ס"ה מיט עטליכע יאָהר צוריק, זענען די דאָזיגע פערהאָרעוועטע פון א גאַנצע וואָך מענשען געגאַנגען אין די פּאַרקען אַריין. היינט אָבער, ווען די ציווילי-זאַציע און פּראָגרעס ווערט פון טאָג צו טאָג אַלץ מעהר אַריינגעוואַקסען אין אונזער לעבען, קאָנען יודען זיך נישט פערגינען אויף אַזאַ לוקסוס, האבען זיי נישט קיין ברירה און מאַכען זייער אַברוה-אָרט אין דער ערשטער אַלעע.

עס זענען פערהאַנען אפילו יודען, וועלכע קאָנען נישט צוליעב די היינטיגע בעדינגונגען געהן אין פּאַרק אַריין, פאָהרען זיי באַדאַי אַוועק קיין קריניצע, אוסטראָן ביסטרא, שטשירק א. א. וו. אָבער נישט אַלע קאָנען זיך צוליעב געוויסע טעמים דערלויבען אַוועקצופאָהרען, מוזען זיי זייער קריניצע מאַכען אין דער ערשטער אַלעע.

אָבער פּונקט אַזוי ווי אין שטשאַווניץ, למשל, זענען די ערשטע בענק בעשטימט פאַר נישט-יודען, אַזוי ווערען אויך די בענק אין דער ערשטער אַלעע, ווי ס'ווייזט אויס, רעזערווירט קודם כל פאַר נישט-יודען, און ערשט שפּעטער, אַז ס'בלייבט נאָך פּלאַץ, קאָנען זיך אויך פערגינען דאס פערגעניגען יודען.

אָט וועל איך אייך ברענגען א פאַקט:

שבת פאַרנאַכט זיצען אויף א באַנק אין דער ערשטער אַלעע קעגענאיבער נומער 10 עטליכע יודישע פרויען שעפּען לופט און דערביי לופטערט מען אַדורך א ביסעל שטאָדט-נייעס. כ'ווייס און אפשר רעדט מען וועגען די שכנ'טעס, פאַרוואָס נישט, מעהר קיין פערגעניגען האבען זיי דאָך נישט... און פּלוצים ווערט אויך דאס דאָזיגע פערגעניגען זיי געשטערט. עס געהען אַדורך עטליכע קריסטינס, וועלכע זענען געקומען אַלס פּילגרימקעס און ווילען זיך זעצען אויף דער באַנק, און היות ווי זי איז פערנומען דורך זשידובקעס, איז מעהר ווי רעכט, אַז מען זאָל זיי אַראָבטרייבען, ווארום, זיי, די מענשען פון דער נידריגער ראַסע דאַרפען אָבטרעטען דאס אָרט פאַר די ריינע, פאַר די עכטע הונדערטפּראָצענטיגע אַריער. האבען זיי אָבער, אונזערע זשידובקעס, די חוצפּה צו פּראָטעסטירען: היתכן, זיי ווילען, אַז מען זאָל זיי געבען צו פערשטעהן דעם שכל דערפון, האט זיך געמאַכט א רעדעל פון מענשען, צווישען וועלכע עס האבען זיך געפונען אַזעלכע, וואס האבען „אויפגעקלערט" דעם עולם, אַז די יודישע חוצפּה געהט שוין צו ווייט און מען וועט זיך מוזען אַן'עצה געבען... בינו לבינו איז אונטערגעשפּרינגען אַן'„עלעגאַנטער" קאַוואַלער, וועלכער האט דעם ענין ערלעדיגט אויף א פּראָסטען אופן און האַלטענדיג אין איין האַנד ליאָדעס, האט ער מיט דער צווייטער האַנד אַראָבגעשטיפּט עטליכע יודישע פרויען פון דער באַנק. די אַרומשטעהענדע קריסטינס האבען זיך הילכיג צולאַכט פון דעם ספּעקטאַקל און די יודען ווידער האבען אַראָבגעלאָזט די קעפּ פאַר חרפּה און וועהטאָג.

אין אַ פאַר מינוט אַרום איז אפילו אָנגעקומען א פּאָליציאַנט, וועלכער האט צוטריבען דעם עולם, נאָר דער דער העלד מיט די ליאָדעס איז שוין געהאַט אַוועק.

קיין פּירושים צו דעם אַלעם דאַרף מען נישט און כ'וויל נישט געבען. איך האב אייך נאָר דערצעהלט איין מעשה פון אַ סך, וואס טרעפען יעדען טאָג...

אז מען שמועסט: אורלויב...

עס איז אַן'אומגליק דער דאָזיגער אורלויב, וואס מענשען האבען אויסגעטראַכט, ווייל ער איז א תירוץ אויף אַלע קשיות.

קומט מען, למשל, מאַהנען א חוב, ענטפערט מען דיר: אורלויב — דער שעף איז אויף אורלויב, מוז מען וואַרטען, ביז ער וועט צוריקקומען. ווארום ס'איז דאָך נישט שייך, אז מען זאָל

מיסעט מיט'ן רב און א. פעלטא, געלבער, קרעמסדארף און יאקובאוויטש אין דער שפיץ ארבייט זעהר אינטענסיוו.

די קינדער האבען אונז מכבד געווען מיט יודישע פאלקס-לידלעך און אויך אייגענע געשאפענע אקטועלע לידלעך, דאן האבען זיי אנ'אייגענע רעדאקציע, וואו זיי שרייבען זייערע איינדרוקען פון דער קאלאניע.

געטראכט האב איך צו טרעפען פערגרעבטע דארפס קינדער, פאקטיש אבער זענען דאס פיינע הארציגע מחיה'דיגע קינדער.

אויך אין

מיעדזשנע,

א דארף פון עטליכע דרייסיג יודישע פאמיליעס, האט דער „טאז" איינגעארדענט א קאלאניע פאר 38 קינדער.

עס איז שווער געווען אין מיעדזשנע, וואו די פויערים זענען פער'סמ'ט מיט'ן אנטיסעמיטישען גיפט, צו בעקומען א גארטען פאר דער האלב-קאלאניע. די דארטיגע יודען האבען נישט אזא גארטען, און די קריסטען האבען נישט געוואלט פערדינגען, מיט'ן מאטיוו, אז יודען „שמעקען" און ער וויל נישט זיין גארטען פער'עיפוש'ן... ענדליך האט זיך דאך געפינען אזא איינער, וואס דאס יודישע געלד האט איהם יא פערשמעקט און ער האט פערדינגען דעם גארטען פאר דער האלב-קאלאניע.

די קינדער אין מיעדזשנע האבען אויפגעלעבט, זיי עסען אזעלכע מאכלים: וועלכע זיי האבען נאר אין חלום געזעהען. אויך זענען זיי פריי פון געהן אין חדר און פערברענגען קאלעקטיוו אין שפילערייען און אין זינגען שענע הארציגע פאלקס-לידלעך.

נעכטען דאנערשטאג און היינט פרייטאג קומען פאר די פייערליכע שליסונג פון די האלב-קאלאניעס אין טשענסטאכאווער פאוויאט, וועגען וועלכע מיר וועלען דערצעהלען אין קינפטיגען נומער פון אונזער צייטונג.

ש. פראנק

די יודען און די שולען אין אמאליגען פוילען

אין אקארשט אנגעקומענעם גומער „ספראווי נאראדאוואשציאווע" (נאציאנאליטעטען-ענינים), ארויסגעגעבען פון אינסטיטוט צו פארשען מינדערהייטס-ענינים, געפינען מיר צוו"אנד אנ'אונטערעסאנטען ארטיקעל פון ש. כמיעלעוסקי א"ק „דער מצב פון שול-וועזען ביי די יודען אין פוילען". זיין ארטיקעל הייבט כמיעלעווסקי אן פון א היסטארישען איבערבליק, ערצעהלענדיג צוו"אנד.

אין מיטעלאלטער האט די שולע אין פוילען, ווי בכלל אין מערב-אייראפא, געטראגען אויסשליסליך א קלעריקאלען כאראקטער. די שולע האט געהאט פאר א צוועק צו בילדען דעם קלער און האט אויך צוגעגרייט בעאמטע פאר די קאנצעלאריעס. דער יאגעלאנער (קראקאווער) אוניווערזיטעט, וואס איז געגרינדעט געווארען אין יאהר 1400, האט אין זיין בליהפעריאד אין 15-טען יאהרהונדערט אמת געבילדעט אויך פשוט'ע בירגער (מיעשטשאנעס) און אפילו פויערים, פאר דער יודישער יוגענד איז אבער דער וועג צום איניווערזיטעט געווען געשלאסען. ענליך איז געווען די לאגע אויך אין די פאראפיאלע שולען (פאלקס-שולען).

אין די אויסלענדישע אוניווערזיטעטען זענען יא געווען (געצעהלטע) יודען.

ס'איז צו זעהען פון א בריף פון אמבאסאדאר עראזם ציאלעק צום קעניג אלעקסאנדער יאגעלאנטשיק (1501–1506), אז דעם אוניווערזיטעט אין פאדוע (איטאליען) בעזוכען 6 פוילישע יודען, אז יודען האבען שטודירט מעדיצין, איז אויך קענטיג פון די ביכער פון דער קרוין-מעטריקא. דארטען געפינען זיך דאקומענטען, וואס זאגען עדות, אז איינציגע יודישע דאקטוירים האבען שטארק אויסגענומען ביי די פוילישע קעניגין. למשל, אין רעסקריפט מיט דער דאטע פון 26 טען פעברואר 1503 בעשטימט דער קעניג צו בעפרייען דעם דאקטאר יעזעכיער (יחזקאל) אויפ'ן גאנצען לעבען פון אלערליי שטייערען און אבצאהלען, סיי פערזענליכע, סיי פון פערמעגען „נעמענדיג אין אכט די אכטונג, מיט וועלכער ס'רינגלען איהם ארום א סך איינוואוינער פון דער מלוכה".

אין 16-טען יאהרהונדערט קומען אן א סך אנקלאגעס פון קריסטען געגען דעם, וואס יודישע קינדער בעזוכען די אלגעמיינע שולען. מ'הייבט אן צו מאכען יודען אלץ מעהר שוועריגקייטען, ביז ס'קומט ענדליך א קאטעגארישער פערבאט אנצונעמען יודען אין די עפענטליכע שולען.

דער פערבאט האלט אן אויך אין 17 יאהרהונדערט, וואס צייכענט זיך בכלל אויס מיט דער ירידה פון שולען און בילדונג אין פוילען. ווי ס'שרייבט פראפ. סטאניסלאוו קאט – „די שליאכטישע מאסע דערגרייכענדיג פאליטישע און געזעלשאפטליכע אלמאכט, האט נישט געפונען קיין אינטערעס פאר העכערער בילדונג. די שטעדט, וואס האבען זיך געפונען אין ירידה-צושטאנד און אין דלות, זענען נישט געווען פעהיג צו שאפען ביי זיך קיין שום צענטערס פון גייסטיגער בעוועגונג. דער קראקאווער אוניווערזיטעט איז ארייגעפאלען אין מאטעריעלען דלות און גייסטיגער אבגעשטאנענקייט... די אריאנישע און קאלווינישע שולען, וואס זענען פערניכטעט געווארען אין רעזולטאט פון רעליגיעזער אומטאלעראנץ האבען שוין מיט זיך נישט פארגעשטעלט קיין פערבינדונג-פאקטאר מיט דער וויסענשאפטליכער בעוועגונג פון מערב אייראפע".

אין דער צווייטער העלפט פון 18-טען יאהרהונדערט ווערט בעסער אין דער הינזיכט פון בילדונג. ס'האבען אבער נאר געקענט געניסען קינדער פון מאגנאטען און פון דער רייכער שליאכטע. די קאמיסיע פאר נאציאנאלער בילדונג (1773–1792 – „דאס ערשטע בילדונגס-מיניסטעריום אין אייראפע", מיט וועלכען מ'שטאלצירט אזוי אין דער פוילישער ליטעראטור - אונזער בעמערקונג) האט אדורכפיהרענדיג אנ'אלגעמיינע שול - רעפארם, זיך מיט דער פראגע פון יודישער בילדונג נישט פערנומען. ערשט שפעטער („אונטער דער השפעה פון די ליבעראלע שטרעמונגען אין מערב-אייראפע", ווי דער מחבר בעטאנט) ענטשטעהען פערשידענע פראיעקטען אויך בנוגע יודען.

אין „פראיעקט פון רעפארם פון פוילישען יודענטום" פון קעניג סטאניסלאוו אויגוסט (1791) געפינט זיך אין קאפיטעל וועגען בילדונג אזא זאך: ביי יעדער פערזאמלונג אדער סינאגאגע דארף איינגעארדענט ווערען א פוילישע שול פאר יודישע קינדער לויט די תקנות, וואס די בילדונגס קאמיסיע וועט אננעמען. ווי א מיטעל צו צווינגען די יודען צו שיקען זייערע קינדער אין די פוילישע שולען הייסט דער פראיעקט; „אין יענע ערטער, ווי ס'געפינט זיך א פוילישע שול, זאל קיין שום קינד נישט צוגעלאזען ווערען צו לערנען תלמוד, כל-זמן ער וועט נישט דערווייזען מיט א בעשטעטיגונג פון א לעהרער פון דער פוילישער שול, אז ער האט יענע שול בעזוכט און געהאט נוצען פון די לימודים וואס מ'לערנט דארטען"... „קיין שום יוד זאל נישט קענען חתונה האבען, אויב ער וועט נישט צושטעלען קיין בעווייזען, אז ער האט זיך געלערנט שרייבען און לערנען פויליש אין אנ'עפענטליכער שול אדער אין דערהיים".

די דאזיגע טענדענצען (וואס דער מחבר פון ארטיקעל אין „ספראווי נאראדאוואשציאווע" האלט, ווי געזאגט, „ליבעראלע") זענען אין לעבען נישט אנגעווענדט געווארען, צוליעב דער חלוקה פון פוילען.

אין 19-טען יאהרהונדערט (נאך דער חלוקה פון פוילען) זענען שוין געווען אפגעשאפט די בעגרעניצונגען פאר יודען ביים אנקומען אין די שולען, און פוילישע בילדונגס - טהוער בעקלאגען זיך, אז די יודישע תקיפים דערלאזען נישט יודישע קינדער זיך בילדען אין פוילישע שולען. אזוי, למשל, שרייבט אנ'אונבעקאנטער מחבר אין א בראשור, וואס איז געווידמעט דעם פלאצקער בישאף און סענאטאר פראזשמאווסקי.

ווען די יודישע עלטסטע, איך זאג שוין נישט – וואלטען איפריכטיג געוואלט, נאר ווען זיי וואלטען נישט געשטערט און דערלויבט זיך ציוויליזירען דעם פראסטען פאלק זייערען... וואלטען מיר אהן ספק געזעהען יודישע קינדער, וואס בעזוכען אין די שטעדט און דערפער קריסטליכע שולען, וואו דער צוטריט איז זיי פולשטענדיג דערלויבט, פונקט ווי אין אלע וויסענשאפטליכע אינסטיטוטען. ס'וואלט נישט געווען אזוי וויניג געניסענדיגע פון אפענע פאר זיי וואוילטעטיגקייטען, וואו זיי אלס אנטיילנעמער וויל זעהען יעדער פריינד פון דער מענשהייט".

ווי ס'שרייבט פראפ. קאט, זענען די סאמע איינגעשפארסטע געווען די ווארשאווער יודען, די בילדונג-קאמיסיע האט דעריבער צוגעגרייט עטליכע יודישע לעהרער און צוגעבענדיג זיי קריסטליכע, וואס האבען געדארפט לערנען די פוילישע שפראך, האט זי געעפענט נאך א סך שוועריגקייטען עטליכע שולען פאר יודען. די אויפזיכט איבער זיי האט זי אנגעטרויט אן אויפזיכטראט, וואס איז ענטשטאנען פון געבילדעטע יודען".

אגיפ'ן געביט פון די איבריגע צוויי טיילען פון פוילען (עסטרייכישען און פרייסישען טייל) איז אין הסכם מיט די טענדענצען פון „געבילדעטען אבסאלוטיזם" די צוואנגסבילדונג פער שפרייט געווארען אויך אויף יודישע קינדער.

(פארטזעצונג קומט).

אויסצאהלען אהן דיספאזיציע פון בעל הבית. איז שוין ענדליך געקומען דער שפף, איז ווידער דער קאסירער אויף אורלויב, און אויב דער קאסירער איז נישטא, קאן נישט זיין קיין רייד וועגען אויסצאהלען, איז שוין מיט מזל דער שפף דא און דער קאסירער איז שוין אויך צוריקגעקומען, איז ווידער נישטא קיין געלד, באשר מען חאט געמוזט דאס געלד אוועקשיקען דער מאדאם, וועלכע זיצט אין זאקאפאנע.

און נישט בלויז אין דער הינזיכט איז דאס מין אורלויב אנ'אומגליק, נאר אויך אויף אנדערע געביטען איז דער אורלויב פאר א סך מענשען א טראגעדיע. אט, למשל, דערצעהלט מיר א יוד, אז ער האט זיך געהאט צוגעוואוינט יעדען שבת נאכמיטאג צו געהן הערען פרק אין „יודאאיסטישען אינסטיטוט" און שוין א שענע פאר וואכען, וואו אלץ איז דארט פערמאכט. וואס איז די מעשה? – אורלויב. מען האט גענומען אורלויב, איז במילא אויס פרק. פרעגט זיך דער יוד: היתכן? נאר פרעג אהין, פרעג אהער, אז מען זאגט דיר אורלויב איז אורלויב...

זיי ווילען האבען וואס צו דערצעהלען

דעם לעצטען שבת איז בעת דער פערטיילונג אין „תומכי-עניים", געווען אויך אנוועזענד אנ'אמעריקאנער און אנ'ארץ-ישראל'דיגער. זיי האבען געזעהן, ווי אזוי הונדערטער פאמיליעס פון טשענסטאכאוו גארן נאך א שטיקעל ברויט און אדאנק דער אפפערווילינער אנשטרענגונג פון א גרופע מענשען, קאן מען זיי דאס שטיקעל ברויט געבען.

דער אמעריקאנער האט געקוקט אויף דעם גרויליכען בילד און האט נישט געגלויבט זיינע אייגענע אויגען. אזא נויט, אזא עלענד, האט ער זיך גארנישט געקאנט פארשטעלען. ער האט געהערט, אז דא ביי אונז איז נישט גוט, אבער אז מען זאל פשוט אויסגעהן פאר הונגער און א שטיקעל ברויט צו בעקומען זאל זיין א גליק, האט זיין מח נישט געקאנט בעגרייפען.

דער דאזיגער גאסט, וועלכער איז אין משך פון די לעצטע 33 יאהר געווען אין אמעריקא, זיך אריינגעשמעלצט אויף דעם אמעריקאנער שמעלץ-טאפ און זיך אנגעוואוינט צום זיין לעבען, האט דאס דאזיגע בילד אין „תומכי עניים" געמאכט אזא שוידערליכען איינדרוק, אז ס'האבען זיך ביי איהם בעוויזען טרעהרען אין די אויגען. יא, דעם אמעריקאנער, אויף וועלכען מען זאגט געוועהנליך, אז זיי זעגען טריקענע נפשות האט דאס בילד אין „תומכי-עניים" געריהרט און ער האט געוויינט.

אויך אויף דעם דעלעגאט פון ארץ-ישראל, וועלכער האט געזעהן אין ארץ-ישראל ארבייט דורך שוויס און נויט, האט דאס בילד אין „תומכי-עניים" געמאכט א שטארקען איינדרוק.

ביידע געסט האבען צוגעזאגט, אז ווען זיי וועלען קומען צוריק אין זייערע היימען, וועלען זיי דערצעהלען וועגען דעם, וואס זיי האבען דא געזעהן, און זיך בעמיהען ביי די טשענסטאכאווער לאנדסלייט צו זאמלען געלד און עס אוועקשיקען דעם „תומכי-עניים".

מיר גלויבען, אז זיי וועלען זייער צוזאג האלטען. איך בין אבער נאך נישט אינגאנצען צופרידען, ווייל איך האלט, אז די „תומכי עניים" אין טשענסטאכאוו וואלט זיך געקאנט אויסהאלטען פון די היגע יודען אליין, אויב די לעצטע וואלטען נאר געהאט גענוג פערשטענדניס פאר דער גרויסער הייליגער זאך, און מען וואלט נישט געדארפט אנקומען צו די לאנדסלייט אין אנדערע לענדער. וואס קומט אבער ארויס, אז אונזערע טשענסטאכאווער יודען זענען ליידער...

די געסט אבער וועלען פון דעם, וואס זיי האבען דא געזעהן האבען א סך צו דערצעהלען...

דאס פינטעלע יוד...

אין דער צווייטער אלעע איז מכמה שנים געווען א בוכהאנדלונג, וואס האט געהערט צו א געוויסען ר. געשמועסט האט מען, אז דער אייגענטימער איז א יוד, היות אבער ווי דאס געשעפט איז געווען אפען שבתים און ימים טובים און [illegible] אין די ימים נוראים, האט מען ווידער אויסגעטייטשט, אז דער ה' ר. איז אוודאי נישט קיין יוד.

דעם קלארען אמת וועגען דעם האט מען אבער געוואויר געווארען בעת די לעצטע אנטי-יודישע אונרוהען, וועלכע זענען פארגעקומען און קומען פאר אין פוילען. בעת די טשענסטאכאווער יודען האבען פראטעסטירט געגען דער מעשה-פשיטיק און שפעטער געגען דער מעשה-בריסק, פערמאכענדיג אויף 2 שעה זייערע געוועלבער, איז דאס געשעפט פון ה' ר. אויך פערמאכט געווארען. די פערוואונדערונג פון יודישען עולם איז דאמאלס געווען זעהר גרויס. עס איז אבער פארט אזוי געווען–צוזאמען מיט'ן גאנצען יודישען טשענסטאכאוו, האט אויך פראטעסטירט דער ה' ר. בעווייזענדיג, אז ער איז אנ'אח לצרה.

איצט האט ה' ר. צוליב זיין יודישקייט, אט צוליב דעם פינטעלע יוד, וועלכעס טליעט אין זיין נשמה, בעצאהלט זעהר א טייערען פרייז. די בוכהאנדלונג פון ה' ר., וועלכע עגזיסטירט איבער 40 יאהר און האט זיך אויסגעצייכענט מיט בקיאות און רעיעלקייט, האט זיך געמוזט ליקווידירען צוליב באיקאט פון די אריער. לכתחילה האט ה' ר. געוואלט זיין געשעפט פערקויפען א יודען, נאר אזעלכער האט זיך נישט געפינען און עס איז זעלבסטפערשטענדליך אויך, ווארום אויב דער ה' ר. איז איינער פון די בעסטע בראנזשיסטען האט נישט געקאנט מעהר אויסהאלטען, וועט דאך א צווייטער יוד אוודאי נישט קאנען פלאץ האלטען; ה' ר. איז דעריבער געווען געצוואונגען צו פערהאנדלען מיט א קריסט. ווי-נאר אבער דער קאנקורענט נ–קי האט געוואויר געווארען, אז דאס געשעפט וויל דינגען א קריסט, האט ער מורא בעקומען פאר קאנקורענץ (פאר קיין יודישען קאנקורענט האט ער נישט מורא געהאט...) און ער האט אליין עס אבגעקויפט, אזוי אז ער וועט האבען צוויי געשעפטען. סיי-ווי איז א יודישע פלאצובקע, וועלכע האט עקזיסטירט איבער 40 יאהר, אונטערגעגאנגען.

אט אזוי האט ה' ר. בעצאהלט צוליעב דעם פינטעלע יוד.

זי פרעגט מיך אנ'עצה...

זונטאג אוונט קומט צו מיר א פרוי און פרעגט מיך אנ'עצה. וואס איז? זי האט שפאצירט אין גאס מיט איהר'ס א יונגעל, וועלכער טראגט ברילען, זענען אונטערגעקומען צוליעב עטליכע יונגע כוליגאנעס, אראבגעכאפט איהם די ברילען און ענטלאפען. די מוטער האט אנגעהויבען צו שרייען, צו ליארמען, נאר די יונגאטשעס זענען ענטלאפען און א נעבטיגער טאג.

פרעגט זי מיך, וואס זי זאל טהוען? אט ערשט–טענה'ט די ארימע מוטער– ווי איך האב בעצאהלט 9 גילדען פאר די ברילען, קומען גזלנים און ראבעווען אין מיטען גאס. דאן–צו וועמען זאל זי זיך ווענדען: אפשר צו דער פאליציי און אפשר צו סאטשעק'ן ביי וועמען זי האט די ברילען געקויפט, אז טאמער וועלען די רויבער קומען פערקויפען די גע'גזל'טע ברילען, זאל ער זיי פערהאלטען?

איך האב געקוקט אויף דער פערצווייפעלטער מוטער, אויף דעם יונגעל, ביי וועלכען מען האט צוגענומען דאס ליכט פון די אויגען און נישט געוואוסט וואס צו ענטפערען. נו, אדרבה, כ'בין נייגעריג, וואס איהר וואלט געענטפערט, ווען מען דערצעהלט אייך אזא מעשה און מען פרעגט ביי אייך אנ'עצה...

יודישע קינדער, איהר וועט אליין מוזען וואשען פאדלאגעס

עס איז אנ'אלטער יודישער אומגליק. יונגע יודישע פרויען ווילען בעסער זיך ארומשלעפען שנארען איידער צו פערדינען ערליך ביי וואשען וועש אדער פאדלאגעס. ס'טרעפט אפט, אז די זעלבע שנארערין דינגט עמיצען אבצוואשען איהר אייגענע פאדלאגע.

איצט אבער ווערט די לאגע גאנץ אנדערש. קריסטינס זאגען זיך אב צו וואשען פאדלאגעס ביי יודען. די התחלה האבען געמאכט די פאדלאגעס-וואשערינס אין דער גארנצארסקא גאס, וואו מען האט גערופען קריסטינס צו וואשען פאדלאגעס און אלע בפה-אחד האבען ערקלערט א שטרייק-גיין, מיר וועלען ביי יודען מעהר קיין פאדלאגעס נישט וואשען. פון דער גארנצארסקא גאס וועט עס זיך מסתמא איבערטראגען אין אנדערע גאסען א.ז.וו. א.ז.וו.

אלזוי, רבותי, לאכט נישט פון מיר, וואס איך בעריהר אזא אין פלוג נארישען ענין. לויט מיין מיינונג איז עס גארנישט אזוי נאריש, ווי עס דאכט זיך אייך אויס. ווי לאנג איז, ווי געהן ארבייטען אין א פאבריק ארייין האט אויסגעזעהען פאר א יודען נאריש, פונדעסטוועגען לעכצט מען היינט דערנאך. אזוי איז אויך מיט די פאדלאגעס וואשען. ס'וואלט, לויט מיין מיינונג, שוין געווען די העכסטע צייט, אז מען זאל וועניגער שנארען אויף די טהירען און זיך מעהר נעמען צו פערדינען ביי פאדלאגעס-וואשען, סיידען מיר ווילען, אז אונזערע פאדלאגעס זאלען זיין שמוציג.

יודישע קינדער, עס איז געקומען א צייט, אזן איהר וועט אליין מוזען וואשען אייערע פאדלאגעס...

זיי מאכען א פארשפיעל...

עס דערנעהנטערען זיך די ימים נוראים, עס וועט זיך אנהויבען דער „טאראראם" מיט בעלי תפילות, מיט ברעטלעך מיט'ן גאנצען קלאפער געצייג. האב איך געטראכט, אז איך וועל צייט האבען ווענגען זיי צו שרייבען אדער נאהנט פאר די ימים-נוראים אדער עוונטועל לאחר המעשה. ווייזט זיך אבער ארויס, אז ווי באלד ס'איז אנגעקומען ראש-חודש אלול האט זיך שוין אנגעהויבען דער עמוד-פיבער.

אויפ'ן ערשטען פייער געהט דאס ראדאמסקער שטיבעל, גארנצארסקא 32.

פערגאנגענעם פרייטאג-צו-נאכטס האט דארט מקבל-שבת געווען דער בעל-תפילה ה' אברהם ב. און כדי נושא-חן צו זיין ביים עולם, האט ער אנגאזשירט א כאר, וועלכער זאל בעווייזען דעם עולם, אז ער און נאר ער, איז ראוי צו זיין דער אמת'ער חזן הגון ונאה אויף די ימים נוראים. איז אבער נעשעהן אנ'אומגליק און דער כאר, וועלכער האט געזאלט בעשיינען די שמחה, האט נישט אויסגענומען. צומארגענס האט דער זעלבער בעל-תפילה געדאוונט שחרית און אוועקגעלייגט א הלל שוין אהן כאר. ווי ס'ווייזט אויס האט עס דעם עולם ווייטער נישט גענומען, והראיה – מיט מוסף האט מען מכבד געווען א צווייטען. אונזער אברהם ב. האט אבער נישט רעזיגנירט און מיט דער הילף פון א געוויסען ג. פ. האבען זיי פערכאפט דעם עמוד און קיינעם נישט צוגעלאזט.

ס'פערשטעהט זיך, אז די מעשה וועט גלאט נישט ארעב, ווייל ס'האבען זיך שוין געשאפען צדדים פון וועלכע איינער האלט מיט'ן בעל-תפילה און דער צווייטער צד מיט'ן גבאי – ס'וועט זיך נאך דארט טהון אויף טיש און בענק, אזוי אז דאס וואס ס'איז פארגעקומען דעם שבת ראש-חודש אלול איז נאר געווען א פארשפיעל...

לויתן

דער 20=טער ציוניסטישער קאָנגרעס.

דער קאָנגרעס אין צירך איז זיכער דער ברענענדיגסטער און אַקטועל־סטער פּראָבלעם אין יורישען לעבען. שווייץ, וועלכע איז אָהן צווייפעל דער צענטער פון דער וועלט־פּאָליטיק, זאגט עדות פון אונגעהויערער וויכ־טיגקייט און אינטערעס, וואס ס'רופט ארויס דער איצטיגער ציונ. קאָנגרעס. די טעגליכע שווייצאַרישע פּרעסע ווידמעט כסדר ארטיקלען און טעגליכע בעריכטען פון די קאָנגרעס פערהאַנ־דלונגען. די שענסטע און גאַר גרויסע שטאדט ציריך (איבער 220 טויזענד איינוואוינער) איז אינגאנצען אונטער'ן איינדרוק און בעהערשט פון קאָנגרעס. דער מאַסען צופלוס פון איבער 3000 אנטיילנעמער (דעלעגאטען און געסט) מיט זייערע ספּעציעלע קאָנגרעס־אָב־צייכנונגען אין די לאָצען און שפּראַ־כען פערשידענארטיגקייט און בעיקר גרופּען שפּאַצירענדע און גאַר אָפט היציגע גאַסען־דיסקוסיעס, לאָזען זיך שטאַרק פיהלען אין דעם אזוי סאָלידען און געמיטליכען ציריך.

די ארבייטער־פּראַקציע מיט ארביי־טער־געסט צעהלט אַנ'ערך 400 אנ־טיילנעמער (225 דעלעגאַטען) און איז די גרעסטע פּראַקציע אויפ'ן קאָנגרעס. די ארבייטער־פּראקציע איז נאָך גע־קומען קיין ציריך 6 טאָג פאַר דער אָפיציעלער ערעפנונג און אין משך פון 7 טאָג דיסקוטירען, זיך בעמיהט צו שאַפען איינהייט און קלאַרקייט אין איצטיגען היסטאָרישען מאָמענט פון „מלוכה אונטערוועגס אָדער מלוכה אין דער היים" צווישען דער פּראַקציע גופא.

די ציוניסטישע ארבייטערשאפט פער־טרעט די יודישע פּראָלעטאַרישע מאַ־סען פון דער גאַרער וועלט. נישט פערהאַן קיין יודישער ארבייטער־קבוץ אין דער וועלט, וועלכער איז נישט פערטרעטען אין קאָנגרעס.

דער דינאַמיק פון פּועלי־ציוניזם (באַראַכאָוויזם) איז אָט די צעמענטי־רונג פון אלע יודישע ארבייטער־קבו־צים אין דער גאַרער וועלט אַרום דעם ציוניזם. די פערהאנדלונגען פון דער ארבייטער־פּראַקציע קומען מאַר אין דער טאָן הגלע אָדער אין פאַלקסהויז די רעזולטאטען פון די פערהאנדלונגען זענען שוין איבערגעגעבען געוואָרען דורך „פאַלקאַר". דער „השומר הצעיר", וועלכער האט זיך אָבגעטיילט פון דער אַרבייטער־פּראַקציע, האט היינט ארויס־געגעבען א ביולעטין און פערענט־פערענדיג זיך פרובט ער וואַרפען די שולד צוליב דער שפּאַלטונג אויף דער ארץ־ישראל'דיגער פּאַרטיי. אין דער צייט, ווען די דיסקוסיעס צווישען די בירגערליכע ציוניסטען פון „יאָ" אָדער „ניין", זענען נאָך ווייט נישט פער־ענדיגט און טאָג־טעגליך ווערען ווײי־טער אָבגעהאַלטען בעשפּרעכונגען אין בעריהמטען קאַפע־הויז „עספּלאַנאַדאַ" (נישט פערגלייכען מיט ה' לייביל אַלטמאַנ'ס קאַוויאַרניע...), האט די ארבייטער־פּראַקציע איהר שטעלונג שוין אויסגעשמידט אין א איינהייט־ליכע רעזאָלוציע, וועלכע פערוואַנדעלט זיך אין א היסטאָרישען דאָקומענט.

אחריות פון 40 יאהר ארבייטער־ציוניזם האט געווירקט אויפ'ן געשיכ־טליכען מאָמענט און די רעזאָלוציע איז נאָך דער דאָנערשטאג'דיגער נאַכט־זיצונג ביי א געוואַלדיגער ערנסטקייט איינשטימיג אָנגענומען געוואָרען (אוי־סער די שטימען פון שפּרינצאַק און טאַרטאַקאָווער).

די ארבייט פון קאָנגרעס געהט מיט ריזיגע שריט פאָראויס. די ארב.־פּראַק־ציע גיט צו טעמפּאָ די פערהאנדלונגען.

זונטאג זענען אלע קאָנגרעס־דעלע־גאטען און געסט אַרויסגעפאהרען קיין באַזעל, וואו מיט 40 יאהר צוריק איז פאָרגעקומען דער ערשטער ציונ. קאָנ־גרעס. די שווייצארישע רעגירונג האט געשטעלט צו דער דיספּאָזיציע פון קאָנגרעס א עקסטראַ צוג און ספּעציעל געדריקטע אין העברעאיש באַהן־בי־לעטען.

די שטימונג פון די 2000 אנטייל־נעמער איז א ערנסטע און מוסטער־האפטע. דער רעגירונגס־פאָרשטעהער אין זיין בעגריסונג פערבינדעט די היסטאָרישע ראָלע פון דער שווייץ

בכלל און באַזעל בפרט ביי דער שאַ־פונג פון פּאָליטישען ציוניזם, וועלכער ווערט נאָך 40 יאהר א פערווירקליכונג. דער חלום וועגען א יודישער מלוכה ווערט א רעאַלער פאַקט: ארץ־ישראל ווערט א יודישע מלוכה און ווערט אויפגענומען אין דער פעלקער־משפחה מיט אלע מלוכות צוגלייך. גאַר פיי־ערליך איז דער מאָמענט, ווען די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין באַזעל גיט איבער דעם פּרעזידענט פון קאָנ־גרעס מ. אוסישקין די בלוי ווייסע פאָהן פון ערשטען ציוניסטישען באַ־זעלער קאָנגרעס, וועלכער האט גע־דאַרפט פלאַטערען אויף די געביידע פון פעלקער־בונד. דער נאַציאָנאַלער הימן „התקוה" וואס ווערט געזינגען פון 2000 אנטיילנעמער־יודען פון אלע עקען וועלט, פערהילכט דעם זאַל אין דער שטאדט פון ערשטען ציוניסטישען קאָנגרעס.

אמעריקאַנער דאַמען, ענגלישע ליי־דיס, ווישען מיט טיכלעך די אויגען. חלוצים פון פוילען, רומעניען, דייטש־לאנד האָלאנד, אפריקע און קובא זינ־גען מיט שוואונג און טעמפּאָ דעם ציוניסטישען הימן. די וועטעראנען פון דער ציוניסטישער בעוועגונג פערטיפען זיך אין זייערע איבערלעבענישען מיט'ן שעפער און טרוימער פון ציוניסטישען יודענשטאַט ד"ר הערצל. און אין דער רעדע פון לייב יפה, וועלכער דער־צעהלט די געשיכטע פון ערשטען קאָנ־גרעס אין אזא בילדליכער און מיסטי־שער פאָרם, זעהט דער 2000 קעפיגער עולם די טרוימען און וויזיעס פון ד"ר הערצל און די בריק פון רהיין און באַזעל, וואו הערצל האט געשפינען

זיינע חלומות וועגען א יודישער מלוכה, טרייספלט זיך נאכ'ן אָבלויף פון 40 יאהר, אונטער די פעסטע טריט פון ציוניסטען פון דער גאנצער וועלט מיט'ן טיפען גלויבען פון א פערווירק־ליכונג פון א רעאלען היסטאָרישען פאַקט — פון „יאָ".

שבת אָוונד, האבען די ציריכער נאַציס איינגעאָרדענט אין דער נאהנט פון ציוניסטישען קאָנגרעס א דעמאָנ־סטראַציע, זינגענדיג דאס „הארסט־וועסט ליד" און מיט אויסגעשרייען: „יודע פערעקע", אויפגעלעזט דעם צוג.

שבת און זונטאג האבען די נאַציס געטיילט אויפרופען צו באָיקאָטירען יודען, דעם ציוניסטישען קאָנגרעס און געגען דער שאפונג פון א יודישער מלוכה. די שווייצארישע נאציאָנאַל־סאָציאָליסטען ראָטען דעם קאָנגרעס צו זאגען „ניין"...

זונטאג פריה איז פאָרגעקומען א גרויסער צוזאמענטרעף פון דער צירי־כער ארבייטערשאפט מיט אונזער אר־בייטער־פּראַקציע. די שטימונג ביי דער שווייצארישער ארבייטערשאפ אין צוזאַ־מענהאַנג מיט אונזער ארץ־ישראל־אויפ־בוי איז א יום טוב'דיגע, א פייערליכע און פון זייערע ערנסטע פּנים'ער און פּוימען בעגריסונג, בעקומט זיך די מיינונג: „יאָ".

2000 יודען צעהלט די ציריכער קהלה, צווישען וועלכע ס'זענען פער־האן אויך טשענסטאכאווער יודען, ווי: גליקסמאַן, וואַגמאַן (משפחות) און לע־וויט. במשך פון קאָנגרעס האט זיך די טשענסטאכאווער משפחה פערגרעסערט און דאס מיט די ה"ה זאנדשטיין, סאָ־לאָט און מיט דעם שרייבער פון די שורות.

יהושע שטרויס.

ציריך, ד. 8.8 1937.

צו דער אויפמערקזאַמקייט פון די יעניגע, וואָס ווילען בעקומען קאָנסטרוקטיווע שטיצע פון זייערע קרובים אין אַמעריקאַ.

וועלענדיג בייהילפיג זיין פאַמיליעס און יחידים צו בעקומען שטיצע פון זייערע קרובים אין אמעריקא (אויך פון אזעלכע קרובים, וועלכע האבען, צוליב א וועלכער עס איז סיבה, אויפגעהערט אונטערצושטיצען זייערע נאָהנטע אין פוילען), האט די „היאַס"־אָבטיילונג אין דאַנציג זיך געווענדעט צו דער טשענ־סטאָכאווער קהלה־פערוואלטונג מיט פאָלגענדען פאָרשלאַג:

די יחידים, וואס ווילען בעקומען שטיצע פון אמעריקע, דארפען אנשריי־בען צו זייערע קרובים בריעף, אין וועלכע עס זאָל געשילדערט ווערען זייער מצב און אויך אנגעוויזען ווערען מיט וואָסערע סומע געלד זיי וואלטען געקענט אויפבויען זייער עקזיסטענץ אדער גאר אויסוואנדערען אויב זיי האבען דערצו די מעגליכקייטען.

די דאָזיגע בריעף זאלען אריינגעגע־בען ווערען אין דער קהלה פערוואָלטונג, וועלכע וואלט דאן יעדען איינציגען בריעף בעשטעטיגט, צושרייבענדיג, אז דער אינהאלט איז א גענויער און אז די אנגעמערקטע סומע וואלט באמת געקאנט ברענגען דער פאמליע נו־צען.

די דאזיגע בריעף בעשטעטיגט דורך דער קהלה און שוין אדרעסירטע צו די קרובים וואלטען דאן דורך דער קהלה־פערוואלטונג איבערגעשיקט געוואָרען צו דער „היאַס"־אָבטיילונג אין דאַנציג, פון וואנען זיי וואלטען איבערגעשיקט געוואָרען צום „היאַס" אין ניו־יאָרק. דער „היאַס" אין ניו־יאָרק וועט יעדען פאַל בעהאנדלען ווי געהעריג און וועט זיך בעמיהען ארויסצובעקומען פון דעם אמעריקאַנער קרוב דאס פערלאנגטע.

די פארגעשלאגענע אַקציע פון „היאַס" וועט זיכער אויפגענומען ווערען מיט צופרידענהייט דורך די פּעראינטערע־סירטע, ווייל עס וועט פערשפארען דאס אָפטע שרייבען צום קרוב וועגען שטיצע און געבען א מעגליכקייט פאר פאמיליעס און יחידים אויפצובויען און פערפעסטיגען זייער עקזיסטענץ.

דער בעסטיאַלישער מערדער פון בוגיי פאר'ן אַפּעלאַציע = געריכט

בעשטעטיגט דעם טויט = אורטייל אויף גאַפּ'ן.

דאס אַפּעלאַציע־געריכט אין ווארשא האט בעטראכט דעם פּראָצעס פון בעס־טיאַלישען מערדער פון דאָרף בוגיי, הינטער טשענסטאָכאָוו, אַנטאָני גאַפּ, וועלכער האט אויף זיין געוויסען א גאנצע רייהע פערברעכענס.

אונטער'ן אויסרייד פון קויפען א וואַגען קאַרטאָפעל האט גאַפּ פערבעטען אין זיין וואוינונג אריין אַדאַם יאַכימ־טשוק'ן, וועלכען ער האט דערנאך מיט א האַק צושפּאָלטען דעם קאָפּ. דעם קרבן האט ער דערנאך איינגעגראָבען אין פעלד.

נאכ'ן ענטדעקען דעם דאזיגען מאָרד איז אויך געוואָרען פעסטגעשטעלט, אז גאַפּ האט ערמאָרדעט זיין געליבטע העלענא פלוטאָ און איהר 2־יעהריגען זוהן רישאַרד. דער טויטער קערפּער פון דער ערמאָרדעטער פרוי איז געפו־נען געוואָרען אין דער בלאָטע אויפ'ן הויף און אויפ'ן בוידעם — דער טויטער קערפּער פון איהר זוהן. רישאַרד פלוטאָ האט געזעהן ווי גאַפּ האט ערמאָרדעט זיין מוטער אין דער שטוב. דער פער־ברעכער האט דאן ארויסגעיאָגט דאס קינד האלב־נאַקעט, טראָץ דעם, וואס אין דרויסען איז געווען א גרויסע פראָסט. נאכ'ן ערמאָרדען די געליבטע, האט גאַפּ ארויפגעשלעפּט דאס קינד אויפ'ן בוידעם, וואו ער האט עס דער־שטיקט מיט א שטריקעל.

אויסער דעם איז גאַפּ געוואָרען אָנ־געקלאָגט פאר פערגוואלדיגען זיין 13־יעהריגע טאָכטער.

דאס קרייז־געריכט אין טשענסטאָכאָוו, אלס ערשטע אינסטאנץ, האט דעם צינישען פערברעכער פער'משפט אויף טויט־שטראָף. די פערטיידיגונג האט אבער בעלעגט אַנ'אַפּעלאַציע, פאָדע־רענדיג דעם פער'משפט'ען איבערצוגע־בען אונטער א פּסיכיאַטרישער אויפ־זיכט. די דאָקטוירים האבען דאן ער־קלערט, אַז גאַפּ איז פולשטענדיג געזונד און די מאָרדען אויסגעפיהרט מיט אויסגערעכענטקייט.

אוים'ן דאזיגען סמך האט דאס אַפּע־לאַציע־געריכט בעשטעטיגט דעם טויט־אורטייל.

פון ביכער = פערלאַג.

עס איז ארויס פון דרוק דער מיט גרויס אינטערעס ערוואַרטעטער און אויסשעפליכער אין אינהאַלט—„יודישער אַלמאַנאַך". דאס דאָזיגע ווערק, וואס ערשיינט צום ערשטען מאל אין פוילען בכלל און אין קליינפוילען בפרט ענט־האַלט 708 זייטען, איז פערזעהען מיט אנ'ערך 500 בילדער, ארויסגעגעבען דורך הערמאַן סטאָכעל; עס ענטהאַלט א רייהע אַרטיקלען פון אויסגעצייכענטע ליטעראַטען, פּאָליטיקער און פּובליציס־טען, ווי אויך די לעבענס בעשרייבונגען פון די בעדייטענדסטע יודישע פערזענ־ליכקייטען אין מזרח־קליינפוילען. אוי־סער דעם אונגעוועהנליך רייכען ביאָ־גראָפישען טייל (פערצעהן אָבטיילונגען) — געפינט זיך אין די ראהמען פונ'ם דאזיגען מעכטיגען ווערק א זעהר רייכער ליטעראַרישער טייל, אין וועלכען עס בעטייליגען זיך העכער 100 מיטאַר־בייטער, צוו. אנד.: פּראָפ. דר. מאיר באַלאַבאַן (ווארשא), הרב דר. מרדכי צהרענפרייז (שטאָקהאָלם), רעדאַקטאָר הענריק העשעלעס (לעמבערג), דר. ש.י. אימבער (קראקא), דר. א. אינזלער (לעמבערג), דר. ד. מאַלץ (לעמבערג), מ. מיזעס (ווארשא), דר. א. ראַטפעלד (לעמבערג), הרב פּראָפ. דר. מ. שאָר, דר. י. סעלצער (לעמבערג).

די ביאָגראַפישע טייל בעשטעהט: 1) יודען — אנטיילנעמער אין די קאַמ־פען פאר א פריי און אונאָבהענגיג פוילען; 2) געלעהרטע; 3) ליטעראַטור — פּרעסע — מוזיק — פּלאַסטיק; 4) פּאַר־לאַמענטאַריסטען און פּאָליטיקער; 5) פרייע פּראָפעסיעס; 6) יודען אין דער מלוכה'שער דינסט; 7) שטאָדטישע און רעליגיעזע זעלבסטפערוואלטונג; 8) קול־טור־און בילדונגס־אינסטיטוציעס א.א.

די 224־זייטיגע ליטעראַרישע טייל בעלויכט דאס לעבען פון די יודען אויף יעדען געביעט און איז רייך אין ביז־איצט אונבעקאנטע אוניקאַטען (אי־לוסטראַציעס און דאָקומענטען) פון גרוי־סען היסטאָרישען ווערט.

רעזומירענדיג דאס גאנצע דאַרף מען אויסדריקען א דאנק קודם־כל דעם ארויסגעבער, וועלכער האט נעבען דעם מאַקסימום פון גוטען ווילען און גרוי־סער מיה, בעלעגט א בעוויז פון זיין פאַכמענערישקייט, ווייל ער האט — אוי־סער די שוין אויסגערעכענטע מעלות — צונעגעבען דעם ווערק אַנ'אייראָפּעאי־שען אויסערליכען אויסזעהען, וואס ס'קען נאכקומען בלויז א פערלעגער, וועלכער פיהרט זיין פערלאג אונטער'ן ריכטיגען נאָמען „קולטור און קונסט".

דאס דאזיגע ווערק, וואס איז גע־דרוקט בלויז פאר סובסקריבענטען און וועט צוליב דעם נישט זיין צו בעקומען אין די ביכער־געוועלבער — וועט מסתמא אין קורצען ארויסגעגעבען ווערען אין א צווייטער אויפלאגע.

ווידער אַ העצערישער פלאַקאַט אויף די טשענסטאָכאָווער מויערן.

ווי אונזערע לעזער געדענקען, זענען מיט עטליכע וואָכען צוריק דורך דער היגער ענדעקישער פּאַרטיי אויסגע־קלעבט געוואָרען אין דער שטאָדט אויפ־רופען, אין וועלכע ס'איז אין צוזאַמענ־האנג מיט'ן ענין סאָפּיעהאַ געהעצט געוואָרען געגען יודען. די דאָזיגע פלאַקאַטען זענען ערשט אראָבגעריסען געוואָרען דורך דער פּאָליציי נאָך א טעלעפאָנישער אינטערווענץ פון פּרעזעס ראָזענבערג ביים אינערן־מיניסטער.

זונטאג אינדערפריה זענען אויף די מויערן פון אונזער שטאָדט ווידער פונאַנדערגעקלעבט געוואָרען יודענהע־צערישע פלאַקאַטען, אונטערגעשריבען פון דער היגער ענדעקישער פּאַרטיי. די דאָזיגע פלאַקאַטען ענטהאלטען פאָל־גענדען אינהאַלט:

„פלאַקען!

17 יאָהר זענען אוועק פונ'ם מאָ־מענט, ווען אויפ'ן בעפעהל פונ'ם יוד לייב בראָנשטיין—טראָצקי, וועלכער האט געהאַסט פוילען, האט די אָרמעע פון צוווילדעווטען קאָמוניסטישען באַרבאַ־ריזם זיך געלאָזט אויף פוילען, כדי אין די בלוטיגע פלאַמען פון דער רעוואָלו־ציע צו פערברענען די אויפגעלעבטע מלוכה.

די יודען און די קאָמונע האבען זיך שוין געגרייט צו דער מאָכט.

זיי האבען געגלויבט, אַז ס'וועט שוין גארנישט בעוויזען אָבצוראַטעווען פוילען.

דערווייל איז געשעהן אַנדערש.

דאס גאַנצע פוילישע פאָלק מיט'ן אַרבייטער און פּויער אין דער שפּיץ האט זיך געכאַפּט צום געוועהר און אוועק צום קאַמף געגען דער רויטער אַרמעע — פאר גאָט און פאָלק, פאר פוילען און איירָאפּאָ.

דאס פאָלק איז אהין און פאר'ן פרייז פון בלוט געזיעגט.

אויף די פעלדער פון ראַדזין, הינ־טער ווארשא, איז געפאלען די ווילדע באָלשעוויסטישע בעסטיע ביי די פיס פון שטאָלצען און העלדישען פוילישען ריטערטום.

אזוי זיעגען קען בלויז א פאָלק, וואס האט אין זיין געשיכטע גרונוואַלד און וויען.

היי־יאָהר, אזוי ווי פאראיאָהרען, דאַרף דאס גאַנצע פוילישע פאָלק, פער־אייניגט אין די רייהען פון דער „סטראָנניצטווא נאַראָדאָווע", אָבגעבען כבוד די דאָזיגע העלדען, וואס האבען זייער לעבען אוועקגעגעבען פאר פוילען.

דער 15 שערפּיען דאַרף זיין דער מעכטיגער טריומף פון קאַטאָליציזם איבער די פיינדליכע כחות פון גאָטלאָ־זיגקייט און מאַסאָנעריע.

אלע פּאָלאַקען—אויף דער יאַסנאַ גורא! דאָ ביי די פיס פון דער קעניגין פון דער פוילישער קרוין, געשטארקט מיט תפלות, וועלען מיר זיך לאזען צום ווייטערדיגען קאַמף פאר א גרויס פוילען.

דער טאָג פון 15 שערפּיען וועט זיין א מעכטיגע מאַניפעסטאַציע פון דער מענשהייט פון פוילישען פאָלק אין די רייהען פון „סטראָנניצטווא נאַראָדאָווע"— די איינציגע אָרמעע, וועלכע וועט צע־טרעטען די זשידאָ־קאָמונע און דעם פאָלקס פראָנט, וועט בעזייטיגען די נויט און אַרבייטסלאָזיגקייט פון די ברייטע מאסען, וועט אויפבויען א פוילען פון עפענטליכער גערעכטיגקייט.

אלע פּאָלאַקען — אינ'ם יאָהרטאָג פונ'ם „נס ביי דער ווייסעל" — אונטער די פעהנער פון דער „סטראָנניצטווא נאַראָדאָווע"!

אלע אינ'ם קאַמף פאר א נאַראָדאָווע פוילען!

סטראָנניצטווא נאַראָדאָווע
אין טשענסטאָכאָוו".

היות צוליב זונטאג ראט פּרעזעס ראָזענבערג נישט געהאט די מעגליכ־קייט צו אינטערווענירען אין דער סטאַראָסטווע, האט ער זיך וועגען דעם פערשטענדיגט מיט'ן פּאָליציי קאָמענ־דאנט, וועלכער האט צוגעזאגט זיך צו פעראינטערעסירען מיט'ן דאָזיגען ענין.

די דאָזיגע פלאַקאַטען הענגען אָבער רוהיג ווייטער אויף די'ווענד און ווערען געלעזען פון מאַסען מענשען.

נאָך דייטשלאַנד אויף סעזאָן־ארבייט

פון וויעלונער פּאָוויאַט זענען אין 4 פּאַרטיעס אָבגעגאנגען 15.00 ארבייטער, מייסטענס פרויען (אויסער וואס האבען זיך געשמוגעלט).

אויסער דעם האבען די וואס וואוי־נען ביי די גרעניץ (פּראשקא, גאלא, באָלעסלאַוויץ, לובניץ אזוו.) בעקומען פּשעפּוסטקעס צו ארבייטען אין דייטש־לאַנד ביז 10 קמ. פון דער גרעניץ.

הגם עס איז א מינימום אָקעגען אנדערע יאהרען, האט עס א בעדיי־טונג און ס'איז צו פערהאָפען, אז דאס וועט אין אונזער אַגראַר־קאַנט אריינ־ברענגען א שטיקעל אויפלעבונג, א דאַנק דעם געלד וואס וועט אריינ־פליסען.

צוליעב אַביסעל גראָז

אין דאָרף ווירזשכלאס איז מורא'דיג צושלאגען געוואָרען דורך זיין קוזין און א מיטהעלפער דער 17 יעהריגער מיכאל סטעמפּיאן דערפאַר, וואס ער האט געפּאַשעט א בהמה אויף יענעמ'ס פעלד.

אין א שווערען צושטאנד איז דער פאַסטוך געבראַכט געוואָרען אין וויע־לונער שפּיטאל.

אַנטווערפּען האָט געזאַמעלט 10.000 פראַנק פאַר די טשענסטאָכאָװער געליטענע.

אין טשענסטאָכאָוו ווײלט אונזער בן-עיר ה' פּאָרינגער, וועלכער וואוינט לעצטענס אין אַנטווערפּען (בעלגיע). ער האט געבראַכט א גרוס פון די טשענסטאָכאָווער לאַנדסלייט אין אַנטווערפּען, וועלכע האבען אין צוזאַמענהאַנג מיט די לעצטע געשעהענישען אין טשענסטאָכאָוו געזאַמעלט 5.000 פראַנק פאַר די געליטענע היגע יודען.

אויפ'ן זעלבען צוועק האט אויך די דאָרטיגע וואוילטעטיגע געזעלשאַפט „עזרה" געזאַמעלט 5.000 פראַנק.

די דאָזיגע סומעס וועלען אַרויסגעשיקט ווערען קיין טשענסטאָכאָוו שוין אין די נאָהנטסטע טעג.

דער „גאַניעץ" האָט טענות צום מאַגיסטראַט

זונטאג — ווי בעוואוסט - פאַלט אויס דער נאַציאָנאַלער יום-טוב א. נ. „דער נס ביים ווײסעל", וואס ווערט געפייערט צוליב דעם נצחון פון פוילישען מיליטער איבער די באָלשעוויקעס.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט קומט פאָר אין גאַנץ פוילען, דערונטער אויך אין אונזער שטאָדט, א גרויסע פייערליכקייט מיט א ספּעציעל אויסגעאַרבייטען פּראָגראַם דורך דער שטאָדט-פערוואַלטונג.

די היגע ענדעקישע אָרגאַניזאַציע, וועלכע וויל שלאָגען קאַפּיטאַל ביי יעדער געלעגענהייט, האט נאָך פריהער אויסגעאַרבייט א פּראָגראַם פונ'ם זעלבען יום טוב און אין שייכות דערמיט האט זי — ווי בעקאַנט — אַרויסגעהאָנגען אין דער שטאָדט גרויסע פּלאַקאַטען. דעם דאָזיגען יום-טוב אָרדנען די ענדעקעס איין נישט בלויז פאַר זייערע היגע חברים, נור אפילו אויך פאַר געסט פון דער פרעמד.

דער היגער יודען - פרעסערישער „גאַניעץ", וועלכען ס'שמעקט נישט, וואס דער מאַגיסטראַט האט ביים איינאָרדנען די דאָזיגע פייערליכקייט נישט געפרעגט אפילו וועגען דעם קיין דעה ביי די ענדעקעס און מורא האָבענדיג, אז די ענדעקישע אימפּרעזע וועט צוליב דעם האבען א גרויסען דורכפאַל, טרעט אַרויס מיט שטאַרקע תרעומות געגען מאַגיסטראַט. קודם כל חזר'ט דער „גאַניעץ" איבער צום טויזענדסטען מאָל אלע אַנטיסעמיטישע פּלוידערייען וועגען זשידאָ-קאָמונע א.אז.וו. און דאַן פרעגט ער, פאַרוואָס עפּיס דער מאַגיסטראַט מוז דוקא מאַכען דעם דאָזיגען יום-טוב לויט א בעזונדערן פּראָגראַם, בעזונדערע שטה'ן א.אז.וו. און פאַרוואָס עפּיס נישט צוזאַמען מיט'ן גאַנצען פאָלק, מיט די ענדעקעס הייסט עס.

דער „גאַניעץ" פאָדערט אויף דעם מאַגיסטראַט צו ענדערן זיין פּראָגראַם, נישט אַנדערש, הייסט עס, נור ער זאָל זיך צופּאַסען, אזוי ווי דאס ווילען די ענדעקעס.

וועט מען מאַקי זעהען, צי דער מאַגיסטראַט וועט פאָלגען דעם בעפעהל פון ליבהאַרציגען „גאַניעץ".

12 ענדעקעס אויף דער בעשולדיגונגס - באַנק

פאַר בעטייליגען זיך אין די אַנטי-יודישע אַרויסטרעטונגען

דאס קרייז-געריכט האט פרייטאג בעטראַכט דעם פּראָצעס פון: יוזעף פּלעבאַניק, מיעטשיסלאַוו באָלצערזיק, לוציאַן סטאָכעל, מאַריאַן דאָמאַנסקי, וויקטאָר וויעזשבאָ, היפּאָליט דימקעוויטש, עדוואַרד יאַנאָשיק, מאַריאַן פּעליסאָוו, יוזעף שירעק, וואָיטשעך באַנק, פעליקס קאַזשאַלסקי און יוזעף שקאָפּ, וועלכע זענען אַנגעקלאָגט געוואָרען לויט'ן אַרט. 163 פון שטראָף-קאָדעקס דערפאַר, ווייל זיי האבען דעם 19-טען יוני אויף די גאַסען: נאַרוטאָוויטשאַ, קאַטעדראַלנאַ און וואַרשאַווער, ווי אויך אויפ'ן נייעם און אַלטען מאַרק אַנטייל גענומען אינ'ם צוזאַמענלויף, וועלכעס איז מיט געמיינזאַמע כחות בעגאַנגען געוואַלדטהאַטען לגבי דער יודישער בעפעלקערונג, אויסהאַקנדיג די שויבען און דעמאָלירענדיג די וואוינונגען און געוועלבער, פערניכטענדיג די סחורות און שלאָגענדיג מיט פלעשער און שטיינער די יודען: זעליג העלפגאָט, חנה העלפגאָט, פרידל פּויינאַג, אהרן קאַלין, און משה משעטשורא.

אלס פערטיידיגער טרעטען אַרויס: אַדוו. כלאַריק, אַפּל. אַדוו. ניעבודעק פון וואַרשא און אַפּל. אַדוו. גלינסקי; אַנקלאַגער — פּראָקוראָר וואָיטשעכאָווסקי.

קיין איינער פון די אַנגעקלאָגטע איז זיך נישט מודה צו דער שולד. דערביי האט דער אַנגעקלאָגטער וויעזשבאָ ערקלערט, אז „בעת פּאָליציי מאַכט זיך וויצען — קען ער נישט זיין פעראַנטוואָרטליך".

פון די אַרויסגערופענע עדות האבען בלויז א טייל אָבגעגעבען זייערע ערקלערונגען און די איבריגע זענען — צוליב דער גענוגענדער בעלויכטונג פונ'ם גאַנצען ענין — געוואָרען בעפרייט פון עדות זאָגען.

די כאַראַקטעריסטישסטע ערקלערונגען האט אָבגעגעבען דער עלטערער פּאָליצי-פונקציאָנאַר פון דער אויספאָרשונגס-פּאָליציי קושישאָנאָווסקי, וועלכער האט פעסטגעשטעלט, אז אין די אַרויסטרעטונגען האבען זיך בעטייליגט אַנ'ערך 10 טויזענד פּערזאָן פון פערשידענע ספערען, צווישען וועלכע ס'האבען זיך אויך געפונען בעאַמטע און זעלנער, וואס האבען בייגעוואוינט די אַרויסטרעטונגען אלס צושויער; די לעצטע האבען נישט פּראָטעסטירט און אויך נישט געשטערט די אַנטיילנעמער פונ'ם צוזאַמענגעלויף, נור זענען צו זיי געווען גינסטיג געשטימט.

די איבריגע עדות, הויפטזעכליך פּאָליציאַנטען, צווישען וועלכע ס'זענען געווען פיעל דעלעגירטע פון זאַגלעמביע, כדי צו אונטערדריקן די אַרויסטרעטונגען, האבען געטענה'ט גינסטיג פאַר עטליכע פון די אַנגעקלאָגטע.

פּראָקוראָר וואָיטשעכאָווסקי האט אין זיין קורצער רעדע זיך אָבגעזאָגט פון דער בעשולדיגונג בנוגע די אַנגעקלאַגטער באָלצערעק און דימקעוויטש און בנוגע אַנדערע אַנגעקלאַגטע פערלאַנגט צו ענדערן די רעכטליכע קוואַליפיקאַציע פון דער טהאַט.

דער ערשטער פון די פערטיידיגער רעדט אַפּל. אַדוו. ניעבודעק, וועלכער זאָגט, אז דער היי-יאָהריגער חודש יוני, ווען ס'זענען פאָרגעקומען די געשעהענישען אין טשענסטאָכאָוו איז איבערהויפּט געווען א פאַטאַלער חודש אין דער דאָזיגער הינזיכט. אינ'ם דאָזיגען חודש איז פאָרגעקומען דער כאָס קלעוויטש-פּראָצעס, באַלד דערנאָך — די ערמאָרדונג פון פּאָליציאַנט קענדזשאָרע און דערויף האט אין טשענסטאָכאָוו א יוד דערהרגעט דעם פּאָלאָק באַראַן. נישט קיין וואונדער דעריבער, וואס די אלע ידיעות האבען אויפגעבראַכט דעם המון און געבראַכט צו די דאָזיגע רעוואָלטאַטען.

אין זיין ווייטערדיגער רעדע פּאָלעמיזירט ער מיט'ן פּראָקוראָר און פערלאַנגט צו בעפרייען די אַנגעקלאָגטע.

פון די 12 אַנגעקלאַגטע, וועלכע זענען געמשפּט געוואָרען לויט'ן אַרט. 163 פון שטראָף קאָדעקס זענען 5 פולשטענדיג פרייגעשפּראָכען געוואָרען. זייערע נעמען זענען: וויקטאָר וויעזשבאַ, היפּאָליט דימקעוויטש, יוזעף שירעק, וואָיטשעך באַנק און פעליקס ביערוזשאַלסקי.

בנוגע מיעטשיסלאַוו באָלצערעק'ן איז די אויספאָרשונג פולשטענדיג אַנולירט געוואָרען און ער קען עווענטועל בעשטראָפט ווערען אויפ'ן אַדמיניסטראַטיווען וועג.

לוציאַן סטאָכעל, מאַריאַן דאָמאַנסקי, מאַריאַן זיגמונט פעליקס און עדוואַרד יאַנאָשיק זענען פער'משפּט געוואָרען צו 8 חדשים תפיסה, דערפון די ערשטע דריי אָהן אָבלעגען דאס אויספיהרען די שטראָף. יאַנאָשיק'ן איז דאס אויספיהרען די שטראָף אָבגעלעגט געוואָרען אויף 3 יאָהר.

אויסער דעם האט דאס געריכט געענדערט די קוואַליפיקאַציע פון בעשולדיגונגס-אַקט לגבי יוזעף פּלעבאַנעק און איהם פער'משפּט לויט'ן אַרטיקעל 263 פאַר שעדיגען פרעמד פערמעגען אויף 1 חודש אַרעסט, און יוזעף שקאָפּ איז פעראורטיילט געוואָרען אויף איבערצושיקען אין אויסבעסערונגס הויז מיט אָבלעגען פון אויספיהרען די שטראָף.

פערזענליכעס.

דער היגער איינוואוינער ה' לעאָן גלאַטער האט געענדיגט דעם מעדיצינישען פאַקולטעט אויפ'ן פּאַריזער אוניווערזיטעט און בעקומען דעם דיפּלאָם אלס דאָקטאָר מעדיצין.

אַנטיסעמיטישער פויזנער טעאַטער גיט פאָרשטעלונגען אין טשענסטאָכאָוו

היינט און מאָרגען קומען פאָר אין קאָמעראַל-טעאַטער פאָרשטעלונגען פון דער פּוילישער אָפּערעטען טרופּע אין פויזען. די אָנפיהרער פון דער דאָזיגער טרופּע זענען בעקאַנט פון זייער אַנטיסעמיטישער טעטיגקייט און זיך געשמעלט די ערשטע מיט דער פאָדערונג איינצופיהרען דעם אַריער-פּאַראַגראַף אין פּוילישען אַרטיסטען פעראיין.

ווייזט אויס, אז קיין יודישע אַרטיסטען אין פּוילישען פעראיין וואָלטען זיי נישט געוואָלט זעהען, אָבער טשענסטאָכאָווער יודיש געלד אין דער קאַסע — אדרבא ואדרבא.

נו מילא, אז יודען ריין, איז יודען-ריין...

כוליגאַנעס צושלאָגן א יוד

נעכטען 8 א זייגער אינדערפריה, בעת יאָסל וואָידיסלאַווסקי האט זיך אומגעקעהרט פונ'ם געוועלב, וואו ער האט געמאַכט איינקויפען, איז ער אויף מיראָווסקא גאס בעפאַלען און שטאַרק צושלאָגען געוואָרען דורך 2 דורכגעהענדע כוליגאַנעס.

נאָכ'ן אָבטהון דאס דאָזיגע שטיקעל „אַרבייט" זענען די כוליגאַנעס רוהיג אַוועק, ווייל אין דער גאַנצער געגענד האט זיך נישט געפונען קיין פּאָליציאַנט, וועלכער זאָל זיי קענען פערהאַלטען.

שוידערליכער פאַרפאַל מיט א 18-חדשים'דיג קינד.

אין איינעם פון די הייזער אויף קאָשטשעלנא גאס האט זיך אָבגעשפּילט עהערגעכטען פאָלגענדע שוידערליכע געשיכטע:

בעת די דאָרטיגע איינוואוינערין בזשאָרסקא איז אין א געוויסען מאָמענט אוועק פון דער קוך, איז צום אויווען צוגעגאַנגען איהר 18 חדשים'דיג מיידעלע מאַריאַ און אַנגענומען דאס טעפּיל קאָכעדיגע קאַווע. דאס טעפּיל האט זיך אָבער אומגעדרעהט אזוי אומגליקליך, אז די קאַווע האט זיך אויסגעגאָסען און אָבגעבריהט דאס פּנים און קערפּער פון מיידעלע.

אויף די געשרייען פון דעם אָבגעבריהטען מיידעלע איז אַנגעקומען די מוטער, וועלכע האט אַלאַרמירט די שכנים און דאַן — די פּאָגאָטאָוויע.

דאס קינד איז אין א האָפנונגסלאָזען צושטאַנד אָבגעפיהרט געוואָרען אין שפּיטאָל פון דער אובעזפּיעטשאַלניע, וואו עס איז, טראָץ דער באַלדיגער מעדיצינישער הילף, געשטאָרבען אין שרעקליכע יסורים.

די פערצווייפעלטע מוטער האט נאָכ'ן דאָזיגען פאַרפאַל געפּרובט צו בעגעה'ן זעלבסטמאָרד דורך שפּרינגען פון פענסטער, אָבער ס'איז געלונגען זי אין דער לעצטער מינוט פונ'ם דאָזיגען אָבצואַטעווען.

דער דאָזיגער פאַרפאַל האט אין דער אַרומיגער געגענד געמאַכט א שטאַרקען רושם.

דעלעגאַציע פון טשענסטאָכאָווער אַרבייטער אין מיניסטעריום פאַר עפענטליכער שוץ.

דער וויצע-מיניסטער פאַר עפענטליכער שוץ יאַסטזשעמבסקי האט עהערגעכטען אויפגענומען א דעלעגאַציע פון אַרבייטער, וואס זענען בעשעפטיגט אויף די עפענטליכע אַרבייטען אין טשענסטאָכאָוו. די דעלעגאַציע האט בעת דער אוידיענץ פאָרגעשטעלט דעם וויצע מיניסטער די פּאָסטולאַטען בנוגע די קליינע פערדינסטען און קליינער צאָהל אַרבייטס-טעג.

נאָכ'ן אויסהערען די אַנקלאַגעס האט דער וויצע-מיניסטער פערשפּראָכען דער דעלעגאַציע גינסטיג צו ערלעדיגען זייער בקשה, געפונענדיג מיטלען אויף צו פערגרעסערן די צאָהל אַרבייטס-טעג און העכערן די לויהנען.

דער אורטייל אינ'ם פּרעסע-פּראָצעס

דער פעראַנטוואָרטליכער רעדאַקטאָר פון „טשענסט. קוריער צאָדזיעננע" יונג און דער מיטאַרבייטער פון דער זעלבער צייטונג דוד אַלטמאַן זענען פער'משפּט געוואָרען צו 1 חודש אַרעסט פאַר אָבדרוקען א רייה אַרטיקלען מיט פאַרוואורפען אויפ'ן אַדרעס פון אַנגעשטעלטען אין דער אובעזפּיעטשאַלניע וולאַדיסלאַוו קאָקולאַר. יונג'ן האט דאס געריכט בעשלאָסען אָבצולעגען דאס אויספיהרען די שטראָף.

פון צענטראַלען קליינהענדלער-פערבאַנד.

די פערוואַלטונג פון דער טשענסטאָכאָווער אָבטיילונג פון צענטראַלען דעטאַליסטען און קליינהענדלער-פערבאַנד מאַכט בעקאַנט אלע איהרע מיטגלידער און כּתם שטייער-צאָהלער, אז דעם 15-טען אויגוסט ד. י. איז צאָהלבאַר די 2-טע ראַטע פון אומזאַץ שטייער (פּאָדאַטעק אָבראָטאָווי) אויפ'ן יאָהר 1937 פאַר די צאָהלער, וועלכע זענען נישט אַריינגערעכענט אין ריטשאַלט, נור געשאַצט אויף אַלגעמיינע יסודות. צוליב דעם וואס דער 15 טער אויגוסט קומט אויס אום זונטאַג, קען די ראַטע געצאָהלט ווערען מאָנטאַג, דעם 16 ד. ח. אָהן פּראָצענט.

בכדי צו פערלייכטערן אונזערע מיטגלידער דורך זיי איינבריינגען צייט און מיה, ווערען די ראַטעס און אלע אַנדערע צאָהלונגען אָנגענומען אין סעקרעטאַריאַט פון פעראיין און וועלען ווערען דעם זעלבען טאָג גענוי און פּונקטליך איבערגעוויזען דער קאַסע פון ענטשפּרעכענדען שטייער-אַמט. די איינצאָהלונגען ווערען אָנגענומען יעדען טאָג פון 9 ביז 11 30 פריה.

די פערוואַלטונג.

פערברענט געוואָרען 48 פוהרען תבואה.

אין א דאָרף הינטער מיעדזשנאָ איז צוליב אונפאָרזיכטיגקייט ענטשטאַנען א שרפה אין א שייער, וואס האט געהערט צו אַנטאָני סולעיאַ. די פלאַמען האבען איינגעשלינגען 48 פוהרען פערשידענע דאָרט אָנגעזאַמעלטע תבואה.

פייערליכקייטען לכבוד דעם יאָהר-טאָג פון נס ביי דער ווייסעל.

צוזאַמען מיט'ן גאַנצען לאַנד וועט אויך אין טשענסטאָכאָוו געפייערט ווערען די פרעהליכע יאָהרצייט פון זיעגרייכען איבערברוך אין דער געשיכטע פון ענטשיידענעם שלאַכט הינטער וואַרשא, וועלכער האט דעצידירט וועגען ווייטערדיגען לויף פון דער מלחמה, וואס האט זיך געענדיגט מיט פּוילענס גרויסען נצחון.

דער פּראָגראַם פון די פייערליכקייטען איז פאָלגענדער:

שבת, דעם 14 שערפּיען:

1) 7.30 אָווענד — צוזאַמענטרעף פון די אָרגאַניזאַציעס אויפ'ן פּיעראַצקי-פּלאַץ, דאַן א צאַפּטזשיק איבער די גאַסען פון שטאָדט.

זונטאָג, דעם 15 שערפּיען:

1) 9.30 א זייגער פריה — צוזאַמענקום אויפ'ן קאַטעדראַל פּלאַץ; 2) 10 א זייגער — א גאָטעסדינסט; 3) 11 א זייגער — לעגען א קראַנץ ביים דענקמאָל פון מאַרשאַל פּילסודסקי; 4) 1 מיטאָג — אַקאַדעמיע אין קינאָ „לונא", 5) 3 א זייגער — א פאָלקס - פערוויילונג מיט צאָהלרייכע אימפּרעזען אין נאַרוטאָוויטשאַ-פּאַרק אויף זאַוואַדזיע; 6) פון 4 ביז 6 נאָכמיטאַג — קאָנצערטען פון אָרקעסטערס אין פערשידענע טיילען פון שטאָדט; 7) אין די אָווענד שעה'ן — אַקאַדעמיעס, געווידמעט דעם זעלנער.

Erdal
pasta do obuwia
czyni czarne obuwie prawdziwie czarnym.
Jej tajemnica: użyć jak najmniej pasty Erdal, ale polerować miękkim suknem, aż do lśniącego połysku.

פון תנועת „תורה ועבודה".

דערמיט מעלדען מיר, אז לעצטענס זענען מיר צוגעטרעטען צו א ברייטער קולטורעלער אַרבייט אין אונזער סניף. עס קומען פאָר יעדען שבת: א שיעור תלמוד, פּרקי אבות און שיחות חברים אויף פערשידענע אַקטועלע טעמעס.

זונטאג קומט פאָר א לעקציע היסטאָריע, מאָנטאג — העברעאיש, מיטוואָך — תנ"ך.

יעדען אָווענד איז אָפען דער לעזעזאַל, וועלכער איז פערזעהען מיט דער טעגליכער פּרעסע ווי אויך פערשידענע פּעריאָדישע אויסגאַבען.

פון סניף „בעלי-מלאכה-דתיים"

שבת פ' שופטים, ז' אלול (14|8), 3 א זייגער נאָכמ. קומט פאָר די פאַרטזעצונג פון דער דורך אונז פּראָקלאַמירטער אויפקלערונגס-אַקציע, אויף וועלכער עס וועלען רעפערירן טאַלאַנטפולע רעדנער וועגען „דער יעצטיגער לאַגע אין א"י" און די אויפגאַבע פון יודישען בעל מלאכה.

צוליב דער וויכטיגקייט פון רעפעראַט, לאַדענען מיר איין אלע היגע יודישע האַנדווערקער.

נדבות פאַר „תומכי עניים".

פאַמיליע מענדעל 1.75 זל.

פרוי בערקאָוויטש 2 זל.

ה' א. קאַפּלאַוויטש, אָגראַדאַווא 2, 10 זל. פאַר'ן יודישען גימנאַזיום און 10 זל. פאַר'ן יודישען שפּיטאָל.

פון דער יודענשטאַטס-פּאַרטיי.

שבת, דעם 14-טען ד. ח. 4 נאָכמיטאַג קומט פאָר אין אייגענעם לאָקאַל, ב. יאָסעלעוויטשא 9, א בעריכטס-פערזאַמלונג וואו ה' רוזשעוויטש וועט אָבגעבען א בעריכט פון דער וועלט-קאָנפערענץ פון דער יודענשטאַטס-פּאַרטיי אין פּאַריז.

אורלויבען אין דער אובעזפּיעטשאַלניע.

דער דירעקטאָר פון דער היגער אובעזפּיעטשאַלניע אינזש. לוקאַש גלושטשאַק איז אָבגעפאָהרען אויפ'ן אָברוה-אורלויב.

היות זיין פערטרעטער, דער הויפּטדאָקטאָר האַל ווײלט אויך אויף אורלויב צוליב זיין קראַנקהייט, ערפילט פּאָרלויפיג דעם אַמט פון דירעקטאָר — דער לייטער פון דער פערזיכערונגס-אָבטיילונג ה' מיכאַלאָווסקי.

פאַרבערייַ און כעמישע וועשערייַ

„BENETA"

ב. יאָסעלעוויטשאַ 11

(געגענאיבער דעם געוועלב פון דער קאַפּעלושאַרניע)

קראַגענס ווערען געוואַשען מיט דויערהאַפטען שפּיגעל-גלאַנץ.

ספּעציאַליטעט:

1) אויפפרישען (פאַרבען) לעדערנע קורטקעס.
2) פאַרבען לויט מוסטערן.
3) דעטאַשירען (אַרויסנעמען פלעקען אָהן וואַשען אויפ'ן אָרט).
4) כעמיש ריינינגען און פאַסאָנירען קאַפּעלושען.

Kino-Teatr „STYLOWY"
Aleja 27.

נאָר בלויז עטליכע טעג!
די הערליכע פוילישע קאָמעדיע פאַר פערדאַגה'טע און לוסטיגע.

JAŚNIE PAN SZOFER

אין די הויפּט-ראָלען:
אינאַ בעניטאַ, באָדאָ, פערטנער א"א

לעצטער סעאַנס 9.30.